Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

Nr. 14 | Łódź, Czwartek 16 stycznia 1930 | אכטער יאהרגאנג | לאדז דאנערשטאג, טז טבת תר״צ | Nr. 14

Adres Redakcji i Administracji Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71

נחום סאקאלאוו קומט היינט קיין לאדז

דעם גאסט ווערט צוגעגרייט א פייערליכער קבלת-פנים

(—) היינט, 4.30 נאכמיטאג קומט צופאהרען קיין לאדז מיט דער פאבריקס-באהן דער פרעזידענט פון דער עקזעקוטיווע פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה׳ נחום סאקאלאוו.

אויף דעם באהנהויף וועלען דעם חשוב׳ען גאסט מקבל פנים זיין, די מיטגלידער פון „קרן-היסוד"-דירעקטאריום, פארשטעהער פון די ציוניסטישע גרופירונגען און ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס, ציוניסטישע יוגענד-ארגאניזאציעס א.א.וו. די ארדנונג וועט געהאלטען ווערען דורך די מיטגלידער פון „בר-כוכבא".

אין אווענט קומט פאר אין פילהארמאניע-זאל אן אקאדעמיע לכבוד דעם פרעזידענט ה׳ נחום סאקאלאוו.

צו דער אקאדעמיע זענען איינגעלאדען געווארען די פארשטעהער פון דער מלוכה׳שער, עקמונאלער, מיליטער-מאכט און געריכטס-וועזען.

די נעכטיגע סיים-זיצונג

דעקלאראציע פון יודישען קאלא.—רעגירונג געגען ענדעק׳ישן פארשלאג צו ענדערן די קאנסטיטוציע

ווארשא, 15 (טעלעפאניש פון אונזער סיים-קארעספאנדענט). היינט 4 א זייגער נאכמיטאג איז פארגעקומען א סיים-זיצונג. מיט א רעדע איז ארויסגעטרעטען דער סינאנץ-מיניסטער. ער האט גערעדט וועגען דעם ארטיקל 25. די רעדע האט ער געענדיגט מיט פאלגענדע ווערטער: די רעגירונג קאן נישט איינשטימען צום פארשלאג פון דעפ. ריבארסקי און חברים וועגען ענדערן די קאנסטיטוציע, וועלכען זי קאן נישט בעטראכטען אלס שריט צו דער קאנסטיטוציע-ענדערונג.

געגען ענדעקישען פארשלאג האט זיך אויך ארויסגעזאגט דעפ. ראטאי. ער האט פארגעלעגט איבערצושיקען דעם פארשלאג אין דער קאמיסיע.

דאן האט זיך אנגעהויבען די דיסקוסיע איבער דעם עקספאזע פון פרעמיער בארטעל.

דער ערשטער האט גענומען א ווארט אין נאמען פון גאנצען צענטראלעוו דעפ. רוג, וועלכער האט ערקלערט, אז בעת דעם רעגירונגס-קריזיס האבען די פארשטעהער פון צענטראלעוו ערקלערט דעם פרעזידענט, דאס זיי פאדערן, אז די קאנסטיטוציע זאל אפגעהיטען ווערען אין פולען זין פון ווארט, אז עס זאלען אויפהערען די דראהונגען, פון די מלוכה-קאסעס זאלען נישט פאווארזירט ווערען קיין שום ארגאניזאציעס. אזוי לאנג ווי דאס וועט נישט ערפילט ווערען, וועט דער צענטראלעוו נישט מיטארבייטען מיט דער רעגירונג.

אין נאמען פון יודישען קאלא האט געלייענט א דעקלאראציע דעפוטאט הארטגלאס. ער ווייזט אן, אז דאס קהלות-געזעץ איז ביז איצט נאך נישט רעגולירט. אבער דאס איז נישט דער עיקר. די יודישע לאגע איז א האפנונגסלאזע. דער ווירטשאפטליכער קריזיס איז א שרעקליכער, דערביי ווערען די יודען בעזייטיגט פון זייערע פאזיציעס.

דעפ. הארטגלאס רעדט דאן אויך וועגען דער געוואלדיגער שטייער-לאסט. ער ווייזט אן, אז אין שול-וועזען ווערען די יודען בע׳עולה׳ט. ער בעריהרט אויך דעם זונטאג רוהה און ערקלעהרט צום סוף, אז די יודישע בעפעלקערונג ערווארט, דאס די רעגירונג וועט זיך פארנעהמען מיט די דאזיגע ענינים. צום בעדויער מוז אבער פעסטגעשטעלט ווערען, אז אין עקספאזע זענען די פראגען נישט בעריהרט געווארען.

דעפ. כרוצקי (אוקראינער) גלויבט נישט, אז די אוקראינער פאדערונגען וועלען דורך דער איצטיגער רעגירונג ערפילט ווערען.

אויך דעפ. אומא (דייטשער קלוב) איז אין דער זעלבער מיינונג.

דעפ. קאגוט (אוקראינישע סאציאל ראדיקאל) מיינט, אז מען קאן קיינעם נישט צווינגען צו זיין לאיאל. אין דער קאנסטיטוציע געפינט זיך נישט קיין פונקט, אז מען מוז זיין לאיאל צו דער מלוכה. פוילען, ערקלערט דער רעדנער, האט געקעמפט פאר איהר אומאפהענגיגקייט און אויך די אוקראינער וועלען קעמפען פאר זייער אומאפהענגי קייט.

דעפ. גאווורילוק (ווייסרוס) דערצעהלט, אז אויף די קרעסען איז דער גאנצער בעל-הבית די פאליציי, וועלכע טוט, וואס איהר געפעלט נאר.

בעת עס דארף נעהמען א ווארט א קאמוניסטישער דעפוטאט, ווערט די דיסקוסיע איבערגעריסען. עס ווערט דאן אנגענומען א דרינגענדער פארשלאג פון די פ.פ.ס. וועגען דער אונטערהעדער סטאניע און עס ווערט בעשלאסען אויסצוועהלען א קאמיסיע פון 5 פערזאן, וואס זאל דעם ענין אויספארשען.

זיצונג פון יודישען קאלא

אפגעווארפען גרינבוימס פארשלאג וועגען אונצוטרויי

ווארשא, 15 (טעלעפאניש פון אונזער סיים קארעספאנדענט). היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון יודישען קאלא. דעפ. גרינבוים האט אריינגעטראגען א פארשלאג אויסצודריקען אונצוטרוי דער רעגירונג. די מעהרהייט האט זיך אבער ארויסגעזאגט געגען פארשלאג און בעשלאסען אפצוווארטען אויף די שריט, פון דער נייער רעגירונג.

צוליב דעם, וואס גרינבוימס פארשלאג איז דורכגעפאלען האט די דעקלאראציע אין סיים געהאלטען הארטגלאס.

אראבישע ארבייטער געגען דער באיקאט-אקציע

ירושלים, 15 (י.ט.א. טעלעגראפיש) די אראבישע ארבייטער פון דער שוועבעלעך-פאבריק „נור" האבען פערעפענטליכט א בריף אין ארגאן פון דער אראבישער עקזעקוטיווע „פאלעסטיין", אין וועלכען זיי ערקלערען, אז דער אראבישער באיקאט פון דער יודישער פראדוקציע ברענגט מעהר שאדען די אראבישע ארבייטער ווי די יודען. דער „פאלעסטיין" האט דאס אפגעדרוקט, נאר צוגעגעבען אן ערקלעהרונג, אז אין א פאר חדשים ארום וועט געגרינדעט ווערען אן אראבישע שוועבעלעך-פאבריק, אין וועלכער עס וועלען בעקומען בעשעפטיגונג אלע אראבישע ארבייטער.

ארעסטירט אן אראבישען הויפט-אגיטאטאר

יפו, 15 (טעלעגראפיש דורך י.ט.א.) דער הויפט-אנפיהרער פון דער אראבישער באיקאט-אקציע אין יפו איז ארעסטירט געווארען און איבערגעשיקט געווארען אין דער תפיסה אין עכו

פראצעס וועגען מארד

אויף ווסכאדניא גאס

דער „בלינדער מאקס" ווערט גע׳משפט פאר דערמארדען ישראל קלמן באלבערמאנען

(—) אין היגען קרייז-געריכט איז נעכטען פארגעקומען דער סענסאציאנעלער מארד-פראצעס פון מנחם בארנשטיין, (בעקאנט אונטערן נאמען דער „בלינדער מאקס"), וועלכער איז בעשולדיגט געווארען אין דערשיסען ישראל קלמן באלבערמאנען.

אין בעשולדיגונגס-אקט

ווערט דערצעהלט: דעם 19. סעפטעמבער 1929 איז אויף ווסכאדניא גאס נעבען דער שענק פון לייבצינער צווישען מנחם בארנשטיין און באלבערמאן ענטשטאנען א סכסוך, בעת וועלכען בארנשטיין האט מיט 4 קוילען פערוואונדעט באלבערמאנען. פון די וואונדען איז באלבערמאן באלד געשטארבען. בארנשטיין האט אפגעגעבען די שאסען זיך גענומען לויפען, אריינגעזעצט זיך אין א טאקסיבקע און זיך געלאזט צום באלוטער מארק. מ׳האט איהם נאכגעיאגט און געכאפט.

בעת דער אויספארשונג האט בארנשטיין ערקלערט, אז ער האט געשאסען פערטיידיגענדיג זיך פון באלבערמאנען, וועלכער האט איהם געוואלט דערשיסען.

צום פראצעס, וועלכער האט זיך אנגעהויבען נעכטען אינדערפריה איז געקומען זעהר א גרויסער עולם, וועלכער האט איבערפילט דעם גרויסען זאל.

בארנשטיין ווערט אריינגעפיהרט אין זאל אונטער א פאליציייאישער שמירה. ער האלט זיך גאנץ רוהיג און פון צייט צו צייט רעדט ער זיך א ווארט מיט זיין פרוי און זיין פערטיידיגער אדוו. ביליק.

10 א זייגער עפענט די זיצונג ריכטער איליניטש און דער אסיסטענץ פון די ריכטער פייט און בראון. בעשולדיגער — פראקורור קאוואלסקי. אלס

(ווייטער זעה 5-טע זייט).

ערקלערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער ידיעה, וואס ס׳האט זיך בעוויזען אין דער נעכטיגער היגער פרעסע בנוגע די פער׳סמ׳טע פיש אין דער ווייכסעל און אין די ארומיגע וואסערן, האלטען מיר פאר אונזער חוב מודיע צו זיין און צו בערוהיגען די היגע בעפעלקערונג, אז די פיש, וואס ווערען פערקויפט אין לאדז, שטאמען נאר פון

רוסלאנד, יוגאסלאוויען, דאנציג, אונגארן,

פון די פוזנער יעזיארעס און פיל אנדערע געגענדען,

וואס האבען קיין שום שייכות און קיין שום בעריהרונג נישט מיט די וואסערן, וועגען וועלכע ס׳האט גערעדט די נעכטיגע פרעסע.

אזוי אז ס׳איז נישט פערהאן קיין שום געפאהר

פאר די קויפער און קאנסומענטען, אז די פיש, וואס ווערען פערקויפט אין לאדז, זאלן שטאמען פון די פערכמטע וואסערן

די פערוואלטונג

פון לאדזער פיש-סוחרים-פעראיין, פאמארסקא 18.

3728

קרן היסוד | פילהארמאניע-זאל, נארוטאוויטשא 20

לאדז.

היינט, דאנערשטאג, דעם 16. יאנואר, 8.30 אייענר קומט פאר

אפייערליכע א״י-אקאדעמיע

לכבוד דעם פרעזידענט פון דער עקזעקוטיווע פון דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע ה׳

נחום סאקאלאוו

און דעם מיטגליד פון דער א״י-דעלעגאציע

ד״ר אלכסנדר גאלדשטיין

אלע בילעטען זענען אויסגעקויפט. אווענד-קליידונג. אלע, וועלכע האבען אויסגעקויפט בילעטען אין דער לאזשע רעכטס און אויף די פלעצער הינטער דער לאזשע רעכטס ווערן געבעטען, צוליב טעכנישע סבות אויסצוטוישען די דאזיגע בילעטען אין ביורא פון קרן-היסוד (צעגעלנ. 4).

בלוטיגע צוזאמענשטויסען אין דייטשלאנד

שלאכט מיט קאמוניסטען אין ווארמס.—קאמפען צווישען פאליציי און ארבייטסלאזע

וו א ר מ ס, 15 (אטע) דא זענען אויסגעבראכען שטארקע קאמוניסטישע אונרוהען.

נאך לאנגע קאמפען איז דער פראווינציעלער ווארמסער און דארמשטאטער פאליציי געלונגען אין משך פון דער נאכט איינצושליסען די קאמוניסטען אין דער יודענגאסע. די קאמוניסטען האבען פון די דעכער געעפענט א שטארקע שיסעריי אויף דער פאליציי. די שיסעריי האט געדויערט א גאנצע נאכט. אין די פריהמארגען-שעה'ן איז דער פאליציי געלונגען אפצורייניגען די יודען-גאסע.

דער קאמוניסטישער דעפוטאט פון פרייסישען לאנדטאג מילער פראנקפורט מיט נאך 6 קאמוניסטישע אנפיהרער, זענען אונטער א שטארקער פאליציי אפגעפיהרט געווארען אין דער מיינצער תפיסה.

וו א ר מ ס, 15 (אטע) וועגען די שווערע צוזאמענשטויסען מיט קאמוניסטען אין ווארמס מעלדעט מען ווייטער, אז די אפריינינגנגס-אקציע פון דער יודענגאסע, וואס איז אדורכגעפיהרט געווארען מיטוואך אין דער פריה, האט נישט געהאט זיין געהעריגען ערפאלג. מען נעהמט אן, אז אין משך פון דער נאכט איז די קאמוניסטען געלונגען צו בעהאלטען דאס געוועהר און דעם גאנצען קאמפראמיטירענדען מאטעריאל. די פאליציי האט די לאגע פולשטענדיג בעהערשט און זי לאזט נישט צו ווייטערע מאסענטרזאמלונגען.

דערהרגעטע און פערוואונדעטע

כ ע מ נ י ץ, 15 (אטע) מיטוואך איז געקומען צו שווערע צוזאמענשטויסען אין הארטמאנסדארף צווישען ארבייטסלאזע און שטרייקענדע ארבייטער פון איין זייט און פאליציי פון דער אנדער זייט. די פאליציי האט געשאסען. לויט די פאליצייאישע מעלדונגען איז 1 פערזאן דערהרג'עט געווארען, 10 שווער פערוואונדעט און 15 לייכט. די דאזיגע צאהלען זענען נישט קיין גענויע ווייל מען נעהמט אן, אז די דעמאנסטראנטען האבען מיטגענומען מיט זיך טויטע און פערוואונדעטע.

קאמוניסטען דראהען מיט שחיטות אויף די היטלעראווצעס

ב ע ר ל י ן, 15 (סט. טעל.) די קאמוניסטישע ארגאניזאציעס האבען גערופען אויף היינט נאכמיטאג 13 גרויסע גאסען-דעמאנסטראציעס אין זייערע אויפרופען דראהען די קאמוניסטען מיט אן'אויסשטאנד און מיט א שחיטה פון די היטלעראווצעס און שטאהלהעלם.

צוליב די דאזיגע דראהונגען און דער מורא פאר בלוטיגע צוזאמענשטויסען האט די פאליציי די דעמאנסטראציעס פערבאטען. עס זענען אנגענומען געווארען אלע פאריהיטונגס מיטלען. דאך הערשט א מורא פאר צוזאמענשטויסען.

צוזאמענפאהר פון אראבישע ארבייטער אין חיפה

י ר ו ש ל י ם, 15 (טעלעגראפיש דורך י.ט.א.) אין חיפה איז פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון אראבישע ארבייטער פארשטעהער פון דער יודישער פרעסע זענען נישט צוגעלאזט געווארען.

„אראבישער רעוואלוציאנער קאמיטעט" פאדערט אקטיווען ווידערשטאנד געגען ענגלאנד

י ר ו ש ל י ם, 15 (טעלעגראפיש דורך י.ט.א.) די ארגאניזאציע „אראבישע רעוואלוציאנערער קאמיטעט" האט ארויסגעגעבען א פראקלאמאציע, אין וועלכער עס ווערט אויפגעפאדערט אקטיוו ווידערשטאנד צו לייסטען געגען דער ענגלישער מאכט.

לארד מעלטשעט אפגעפאהרען קיין דרום-אפריקא

ל א נ ד א ן, 15 (טעלעפאניש דורך י. ט. א.) לארד מעלטשעט איז אפגעפאהרען יין דרום-אפריקא אין שייכות מיט זיינע כעמישע אונטערנעהמונגען. די דארטיגע ציוניסטען האבען בעשלאסען אויסצונוצען לארד מעלטשעטס בעזוך פאר דעם קרן-היסוד.

יודישע פרויען גיבען אוועק זייער צירונג פאר סאוויעטישע אינדוסטריאליזאציע

מאסקווע (יט"א) אין א ספעציעלען בעריכט, וואס איז אנגעקומען אין מאסקווע, ווערט איבערגעגעבען, אז פינגערלעך, אוירינגלעך און אנדערע גאלדענע חפצים ווערען איצט געזאמעלט צווישען די יודישע פרויען אויף אוקראינע פאר דעם סאוויעטישען אינדוסטריאליזאציע-פאנד.

די בעריכטען גיבען איבער, אז אין טשערקאס, שטאלע, קארכון און אין א ריי אנדערע שטעט און שטעטלעך פון קיעווער ראיאן האבען די פרויען פון די דארטיגע יודישע האנדווערקער איבערגעגעבען דער ארטיגער מאכט צירונג פאר צענדליגער טויזענדער רובל. דאס צירונג וועט געהען פאר דעם פאנד צו פערברייטערען די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין ראטען-פערבאנד.

איבער גאנץ ראטען-רוסלאנד ווערט איצט געפיהרט א פערשטארקטע אגיטאציע צו בעאיינפלוסען די פרויען זיי זאלען זייער גאנץ גאלד און זילבער אפגעבען דער מלוכה אלס בעשטייערונג פאר דער אינדוסטריאליזאציע פון לאנד.

נייע מיטגלידער אין עהרען-פרעזידיום פון קוראטאריום פון יודישען וויסענשאפטל. אינסטיטוט

ווילנע (יט"א) אין עהרען-פרעזידיום פון קוראטאריום פון יודישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט האבען מסכים געווען אריינצוגעהן די מיטגלידער פראפ. זיגמונד פרויד (ווין), דער שעפער פון דער פסיכאאנאליטישער מעטאדע און ד"ר בערנהארד וואכשטיין (וויען), איינער פון די חשובסט'ע יודישע היסטאריקער און מיטארבייטער פון די שריפטען פון „יווא".

געגרינדעט דעם קאמיטעט צו אונטערזוכען די לאגע פון די יודען אין סאוויעט-רוסלאנד

ניו-יארק (יט"א) דער אמעריקאנער יודישער קאנגרעס האט זיך, ווי בעקאנט. אויף זיין לעצטער קאנפערענץ בעשעפטיגט מיט די פערפאלגונגען פון דער יודישער רעליגיע אין סאוויעט-רוסלאנד.

ווי דער פרעזידענט פון יודיש-אמעריקאנישען קאנגרעס ה' בערנארד דויטש טיילט מיט, איז איצט אין הסכם מיט די בעשלוסען פון דער קאנפערענץ געבילדעט געווארען א ספעציעלער קאמיטעט, וואס וועט שטודירען די בעדינגונגען אין סאוויעט-רוסלאנד און וועט אנגעמען מיטלען, וועלכע וועלען אנערקענט ווערען פאר נויטיג.

אין קאמיטעט זענען אריין פאלגענדע פערזאנען: קארל שערמאן (פארזיצער), ד"ר י. ל. בלוסטאן, גדליה בובליק, הרב משה הייסמאן, נאטאן פערלמאן, ד"ר סטעפען ווייז, בערנארד דויטש און בערנארד ריטשארדס.

ענערגישען קאמף געגען אנטיסעמיטיזם זאגט אן צו פיהרען רומענישע רעגירונג

וויען (יט"א) ווי די יודישע טעלעגראפען-אגענטור ווערט געוואויער פון די קרייזען, וואס שטעהען נאהענט צו דער רומענישער געזאנדשאפט אין וויען, איז די רומענישע רעגירונג פעסט ענטשלאסען ענערגיש צו בעקעמפען די אויפשטענדיגע אנטיסעמיטישע בעוועגונג. דער בילדונגס- אינערן און יוסטיץ-מיניסטאריען האבען בעאויפטראגט די געהעריגע מלוכה-ארגאנען אמשארפסטען צו אונטערדריקען יעדען פרוב פון אנטיסעמיטישע אנגריפען, בעזונדערס אויף די הויכשולען. אויך די רעגירונגס-פארטיי האט איינגעזעהען, אז די פערשטארקטע אנטיסעמיטישע אקציע פון די קויסטען אויף דעם אקאדעמישען בארען צילט אנצונעמען פיל ברייטערע פארמען, עס איז דעריבער נויטיג אנצונעמען ענערגישע געגען-מיטלען.

אויף דער לעצטער פעראררדנונג פון די רומענישע רעגירונגס-פאקטארען האט אויך געווירקט דער אונגינסטיגער איינדרוק, וועלכען די אנטיסעמיטישע אונרוהען האבען ארויסגערופען אין לאנד, וועגען וואס עס האבען אינפארמירט דעם אויסערן-מיניסטער אין בוקארעשט די רומענישע געזאנדטע אין וואשינגטאן און אין לאנדאן.

בעסאראביען. אויפ'ן יור הערש גראביוס האבען די ארטיגע אנטיסעמיטען געמאכט א בלבול אין גאטעסלעסטערונג.

דער זאל פון טריבונאל איז געווען געפאקט מיט קויסטען. אלס ציווילע מאהנער איז ארויסגעטרעטען אדוואקאט קרושעוואן, א זוהן פון'ם בעקאנטען אנטיסעמיט, דער אנגעקלאגטער, וועלכער איז געקומען אין געריכט, איז גלייך אוועק צוליב דער דראהענדער שטעלונג פון די אנטיסעמיטען. דאס געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס אין דער אפוועזענהייט פון אנגעקלאגטען און איהם פערמשפט אויף 6 חדשים תפיסה.

סאבאטאזש פון סאוו. מלוכה-פארשטעהער ביים פערבעסערן די עקאנאמישע לאגע פון די יודען

מאסקווע (יט"א) נישט קוקענדיג דערויף, וואס דער סאוויעטישער ראט פון די פאלקס-קאמיסארען האט בעשטימט צו פערבעסערן עקאנאמיש די לאגע פון די יודען אין ראטען-פערבאנד, קען אבער די דאזיגע בעשטימונג נישט דורכגעפיהרט ווערען צוליב דעם בעוואוסטזיניגען סאבאטאזש מצד א טייל מלוכה'שע און קאאפעראטיווע סאוויעטישע ארגאנען.

כדי צו פערווירקליכען די בעשטימונג פון דעם „סאוונארקאם" איז נויטיג, אז עס זאל פארקומען א קאנפערענץ פון א ריי רעגירונגס-אינסטיטוציעס און פון א ריי קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס, וועלכע זאלען צוזאמען אנמערקען די פראקטישע פלענער, לויט וועלכע די בעשטימונג זאל דורכגעפיהרט ווערען. אזא קאנפערענץ איז פאר דער לעצטער וואך שוין צווי מאל גערופען געווארען אין מאסקווע, אבער זי ווערט איגנארירט דורך פיל ארגאניזאציעס, און קען נישט פארקומען מחמת די פעראינטערעסירטע ארגאניזאציעס שיקען נישט זייערע פארשטעהער.

די טוער פון דעם „קאמזעט", וועלכע זענען דערפאר פעראינטערעסירט, אז דער בעשלוס פון סאוונארקאם זאל וואס פריהער רעאליזירט ווערען, גלויבען איצט אז די נויטיגע מיטלען, אז די גלייכצייטיגע טעטיגקייט פון די איגנארירענדע ארגאניזאציעס זאל ליקווידירט ווערען, און אז די אנגעמערקטע ארגאניזאציעס זאלען ווי אמשנעלסטען קומען מיט פארטיגע פלענער וועגען דעם, וואס עס איז נויטיג צו טון פאר דער עקאנאמישער פערבעסערונג פון דער יודישער לאגע אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון ראט פון די פאלקס-קאמיסארען.

יק"א העלפט די יוד. ווינגערטנער אין בעסאראביע

פאריז (יט"א) די גרויסע פרעסט און פארגען ווינטער האבען געמאכט גרויסע שאדענס אויך אין די יודישע ווינגארטענס, אין קרייז אקערמאן, אין בעסאראביען.

די י.ק.א., וועלכע האט דורך בעווארנען די יודישע קאלאניסטען מיט די בעסטע פראנצויזישע ווייןפלאנצען פיל מיטגעווירקט ביי דער ענטוויקלונג פון ווינגארטנעריי צווישען די יודען אין בעסאראביען, האט בעשלאסען צו קומען צו הילף די יודישע ווינגערטנער אין אקערמאן-קרייז, וועלכע בעזיצען ווהעכער 300 העקטאר ווינגארטענס.

די י.ק.א. האט רעלעגירט קיין אקערמאן איהרע אגראנאמען, וועלכע האבען צוזאמען מיט די בעסטע ארטיגע ספעציאליסטען בעזוכט די בעשעדיגטע ווינגארטענס און אויסגעארבייט א פלאן ווי אזוי צו פעררינכטען די שאדענס.

כדי צו ערמעגליכען די רעאליזירונג פון דעם פלאן, האט די י.ק.א. בעשלאסען צו ערטיילען גרויסע קרעדיטען די ווינגערטנער-משפחות, וועלכע נויטיגען זיך אמשטארקסטען אין אונטערשטיצונג.

5376 יודישע פאמיליעס וועלען קאלאניזירט ווערען אין י. 1930

מאסקווע (יט"א) לויט א בעשלוס פון סעקרעטאריאט פון „קאמזעט" וועלען אין יאהר 1930 קאלאניזירט ווערען 5,376 יודישע פאמיליעס. פון דער דאזיגער צאהל וועלען 2,500 פאמיליעס געשיקט ווערען קיין קרים, 2,176 — קיין אוקראינע, און 700 קיין בירא-בידזשאן.

א יוד אנגעקלאגט פאר גאטלעסטערונג

קישינעוו (יט"א) די טעג איז אין קישינעווער טריבונאל פארגעקומען א פראצעס, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דער לאגע פון די יודען אין

בילּיג קונסט-פאטאגראפיעס!
נור א קורצע צייט!!!

צוליב'ן איצטיגען קריזיס, גיט איך די מעגליכקייט דער געעהרטער קונדשאפט, צוליב די פערקלענערטע פרייזען פון די אויפנאהמען, ווי:

6 פאסטקארטעס נור 6 זל.
ברוין, דאפעלט רעטושירט (1 פעזאן)
6 „ זיילדעלע (1 פערזאן) נור 7 זל.
12 שטיק (Express pictures) נור 2 זל.

אויסערדעם ווערען אויסגעפיהרט אויפנאהמען לויט די נייעסטע פאטא-טעכניק מיט ספעציעלע ליכט-עפעקטען. פאר גרופען-אויפנאהמען, ווי אויך פאר טעראיינען — בעזונדערע הנחות.
מיר עמפפעהלען זיך דער געעהרטער קונדשאפט

קונסט-פאטאגראפישע אנשטאלט
„PARISIEN"
30 פראנציסקאנער 30

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאנא 43. טעל. 32-44

DR. MED.
L. Pikielny
אוראלאג
ספעציעל ארצט פאר נירען, בלאז און הארן-קראנקייטען
8 NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעהמט אן פון 4—7 אוונט.

אקירזשנער-מאשין
אין גוטען צושטאנד ביליג צו פערקויפען.
צו ערפאהרען קאנסטאנטינער 20, וו. 64.

Kino MIMOZA
ul. Kilińskiego 178.
היינט און פאלגענדע טעג! גרויסע פרעמיערע!
„פון טאג צו טאג"
גרויסע דראמע אויפ'ן גרונד פון דער פויליש-רוסישער מלחמה
אין די הויפטראלען:
Irena Gawęcka, Marja Gorczyńska, Lucjan Żurawski i in.
צו דעם דאזיגען בילד איז אנגאזשירט געווארען א ספעציעלער קינסטלער-כאר, וועלכער וועט זינגען רוסישע פוילישע לידער.
פערשטארקטער ארקעסטער. דער זאל איז גוט בעהייצט.

אנאנסען אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג!

לאָדז. 16 יאַנואַר 1930

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז. 16 יאַנואַר 1930

נחום סאָקאָלאָוו

(צו זיין היינטיגען בעזוך אין לאָדז)

היינט קומט ער צו פאָהרען, דער גרויסער ייד, וואָס שטעהט פאַר אונז ווי אַ מין „נאַטור-וואונדער". עס פערגלוסט זיך צו מאַכען אַ ברכה „שחלק מכבודו לבשר ודם".

עס איז איבריג צו זאָגען, אַז נחום סאָקאָלאָוו האָט די גרעסטע פערדינסטען פאַר'ן יודישען פאָלק, פאַר זיין ליטעראַטור און פאַר זיין וויסענשאַפט. איין פּאָזיציע פון זיין ריזענגרויסער פערדינסטען-ליסטע וואָלט גענוג געווען, איהם צו פעראייביגען אין אונזער געשיכטע. דורך זיין אַרבייט ביים דערגרייכען פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע (צוזאַמען מיט חיים וויצמאַן און יחיאל טשלענאָוו) האָט ער זיך אייביג געמאַכט. חוץ דעם איז ער דער שאַפער פון דער מאָדערנער העברעאישער זשורנאַליסטיק; איינער פון די גרעסטע העברעאישע סטיליסטען; אַ ליטעראַטור-קריטיקער, וואָס האָט נישט ביי אונז זיין גלייכען; אַ סך פון זיינע ווערק, איבערהויפּט זיין לעצט בוך איבער „שפינאָזאַ און זיין צייט" האָבען אַ גרויסען וויסענשאַפטליכען ווערט; פאַכמענער, ווי ברייני̇ן און בערדיטשעווסקי זאָגען, אַז ער האָט אַ גרויסען דיכטערישען טאַלענט.

נאָך ווייניג?

ווי פאַר איינעם. פאַר די צוויי-דריי טוץ ענטוזיאַסטען פון ליטעראַטור, וואָס לאָדז פערמאָגט נאָך ב"ה — איז עס גענוג; פאַר עטליכע הונדערט בעוואוסטזיניגע ציוניסטען — אפשר אויך. אָבער די מאַסען, די גרויסע מאַסען — וואָס ציהט זיי אַזוי אָפּצוגעבען כבוד דעם גרויסען סאָקאָלאָוו?

עס וועט אָבער זיין אַ פּאַראַדאָקס: עס דאַכט זיך, אַז די מאַסען גיבען אָפּ כבוד סאָקאָלאָוו'ן וועגען זיין — רייכקייט. „רבי היה מכבד עשירים" און מיר אַלע זענען נישט בעסער פון'ם גרויסען ר' יהודה הנשיא. מיר האָבען גרויס דרך-ארץ פאַר רייכקייט.

ס'איז לייכט צו פערשטעהן, אַז דאָ געהט נישט וועגען רייכקייט אין געלד אָדער אין מאַטעריעלע גיטער. מיר געפינען זיך אויף דעם געביט פון גייסטיגע רייכטימער. און דאָ איז סאָקאָלאָוו אַ מיליאָנער, וואָס האָט נישט זיינסגלייכען אין גאַנצען יודישען פאָלק.

פון וואַנען שטאַמט סאָקאָלאָוו'ס רייכטום? צום גרויסען טייל — פון גאָט, אָדער ווי מיר זאָגען היינט: פון דער נאַטור. אומגעהויערע פעהיגקייטען. אַ פענאָמענאַלער זכרון. ממש — „בור סיד שאינו מאבד טפה". און דערביי „כמעין המתגבר".

ער איז שוין איבער 70 יאָהר אַלט — ער האָט הינטער זיך 67 יאָהר שווערע אַרבייט. געלערנט אַלעס, וואָס עס האָט געשאַפען די יודישע קולטור. בעקענט מיט אַלע אוצרות פון דער אייראָפּעאישער קולטור און אַלע שפּראַכען. אַ וועלט-בירגער, פאַר וועלכען עס עפענען זיך אַלע טירען אויף גאַנץ גרויסער וועלט. כל ימיו געלערנט — קיין וואָרט נישט פערגעסען. יונג און פריש — היינט ווי פאַר 54 יאָהר, ווען ער איז צום ערשטען מאָל אויפגעטרעטען אין דער ליטעראַטור.

היינט אַ חדוש, אַז ער איז אַזוי רייך?

פאַר איהם אַליין איז אפשר זיין לעבען אַ טראַגעדיע. ווען ער וואָלט זיך געוואָרפען אויף איין געביט, וואָלט ער — מיט זיין פלייס און מיט זיין טאַלענט וועלטען אויפגעטון. אַזוי איז ער אַנשטאָט אַ זשעני — געוואָרען אַ „קוריאָז". אַז איינער האָט אין זיך דעם כח, צו ווערען אַ זשעני, און דאָס לעבען מאַכט פון איהם אַ „קוריאָז" — איז דאָס נישט קיין טראַגעדיע?

דאָס היינטיגע יודישע לעבען דאַרף אָבער האָבען אַ סאָקאָלאָוו. דאָס גליק פון אונזער געשיכטע האָט איהם געשאַפען. אין דעם מאָמענט ווען מיר ווילען פון די צושיטע און צוואָרפענע גלידער פון'ם יודענטום שאַפען איין פאָלק, מוזען מיר האָבען כאָטש איין מענש, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס גאַנצע פאָלק. דער דאָזיגער מענש איז היינט — סאָקאָלאָוו.

דאָ פיהרט ער אַ פערזאַמלונג פון רבנים אָדער ער שרייבט פאַר זיי זיין ספר „למרגן ורבנן". מען פערגעסט, אַז עס שטעהט פאַר אונז אַ מענש, וואָס רעדט אין אַלע אייראָפּעאישע לשונות ווי אין זיין מוטער-שפּראַך. איצט איז ער דעם „מגלה עמוקות אַנ'אייניקעל, אַ רב און אַ גאון, וואָס דרינגט אַריין מיט זיינע פּשט'לעך אין די הערצער פון די רבנים. איינער פון זיי. דאָ ווידער פערהאַנדעלט ער מיט אייראָפּעאישע דיפּלאָמאַטען. אַ דיפּלאָמאַט און אַנ'אייראָפּעער „מיט אַלע פּיטשעווקעס".

נחום סאקאלאוו
פּרעזידענט פון דער אַלטוועלטליכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע

איינער, וואָס האָט צוזאַמען מיט איהם געאַרבייט אין די פּאַריזער דעלעגאַציעס (1919), דערצעהלט: „אַלעס קאָן איך ביי סאָקאָלאָוו'ן פערשטעהן. איך קען איהם אַ יאָהר פערציג. זיין בילדונג, זיין טאַקט, זיין „עספּרי" — אָבגעשמועסט. נאָר איין זאַך האָב איך נישט געקענט משיג זיין: זיין זין פאַר טואַלעטען. פינף מאָל אין טאָג האָט ער זיך איבערגעטון: זיצונג, שפּאַציר, בעזוך ביי אַ מיניסטער, פערזאַמלונג, באַנקעט. יעדעס מאָל מיט דער העכסטער און פיינסטער עלעגאַנץ, יעדעס פּיצעלע בערעכענט. דאָס האָט איהם קיינער נישט געקענט נאָכטון".

איהר לאַכט און דאָך „תורה היא וצריכה למוד". אַפילו ביי אַזעלכע קלייניגקייטען ווייזט זיך דעם גייסטעס-מיליאָנער.

אַנדערש רעדט ער צו אַמעריקאַנישע מיליאָנערען, אַנדערש צו ליטווישע רבנים, אַנדערש צו ענגלישע דיפּלאָמאַטען, אַנדערש צו יודישע מאַסען, אַנדערש צו דייטשע געלעהרטע, אַנדערש צו דער יוגענד. אָבער וואָס ער זאָל נישט רעדען — ער שעפּט פון'ם פולען קוואַל, ער זאַלצט מיט עכט יודישען וויץ, ער פערשיט מיט זיין קאָלאָסאַלער אינטעליגענץ, ער ריהרט מיט זיין טיפען געפיהל, ער בעהערשט דעם הערצער, ער בעצויבערט, ער בעגליקט.

אַזוי שרייבט ער, אַזוי רעדט ער. די גאַנצע מאַכט פון'ם מענשליכען גייסט ענטפאַלט זיך אין איהם. מען הערט זיך צו און מען האָט פערגעניגען, וואָס גאָט האָט אַזעלכע עקזעמפּלאַרען בעשאַפען אין זיין וועלט.

מיר בעגריסען איהם אַלע מיט אַ הערצליכען „ברוך הבא!"

ד"ר ירמיהו פרענקעל.

„רוסלאַן"*) — 10 יאָהר פון דער דריטער עליה

(קאָרעספּאָנדענץ צום „נייעם פאָלקסבלאַט")

אַ יאָהר מיט אַ פערטעל נאָך דער בריטישער אָקופּאַציע. פון רוסלאַנד דערגעהען שוידערליכע קלאַנגען. אַ וויסטקייט און אַ חורבן הערשט ביי דעם יודישען ישוב אין רוסלאַנד. פּאָגראָמען און שחיטות אָהן אַ'אויפהער. קיין איינצעלהייטען זענען נישטאָ. עס דערגעהען נאָר אַלגעמיינע ידיעות וועגען די צאָהל געהרג'עטע אין דער יודישער שטאָדט און שטעדטעל און מען ווייס נישט ווער און ווי אַזוי. קיין בריף קומען כמעט נישט אָן פון רוסלאַנד, — און אין ארץ ישראל, וואָס די מעהרהייט איינוואוינער איהרע זענען געקומענע פון רוסלאַנד — הערשט אַ זאָרג און אַ ציטער. מיט אומגעדולד וואַרט מען דאָ אויף אַ בריף, מען זוכט אַ ידיעה. ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, האָבען זיי נישט בעקומען קיין בריף פון זייערע קרובים. די איינצעלנע, וואָס זענען געקומען לעצטענס קיין ארץ ישראל זענען מעהרסטענטייל פון אָדעס און זיי ווייסען גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך איבער רוסלאַנד.

אָט אַזוי, אויסקוקענדיג אַ ידיעה פון דאָרט — האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ שיף — אַ פולע מיט יודען — געהט פון אָדעס קיין ארץ ישראל. די ידיעה איז נישט קיין קלאָרע און מונדעסטוועגען האָט זי געמאַכט אַ טומעל אין גאַנצען לאַנד. פון אַלע עקען לאַנד ציהען זיך מענשען קיין תל אביב זיך דערוויסען, צי איז דאָס ריכטיג. צווישען זיי קומען אויך אַרבייטער פון גליל העליון און פון גליל התחתון און בלייבען דאָ וואַרטען אויף דער שיף. די האָטעלען זענען איבערפולט מיט געסט, וואָס וואַרטען אויפ'ן „רוסלאַן". אין די ביוראָען, קראָמען אין גאַס און אין יעדען ווינקעל רעדט מען נאָר וועגען „רוסלאַן". דער נאָמען „רוסלאַן" איז געוואָרען אַ „שם דבר".

*) „רוסלאַן" איז די ערשטע שיף, וואָס האָט געבראַכט רוסלענדישע אימיגראַנטען קיין א"י באַלד נאָך דער מלחמה.

און מעשה'לעך וועבען זיך און געהען אַרום וועגען דער שיף: מען זאָגט, אַז 3000 יודען פאָהרען; אַז עס איז געמאַכט געוואָרען אַ קאָנטראַקט צווישען ענגלאַנד און רוסלאַנד צו אַרויסנעהמען פון רוסלאַנד איין מאָל אין וואָך אַ שיף מיט יודען; אַנדערע זאָגען, אַז די געקומענע מיט דער שיף זענען יודישע יתומים פון דער מלחמה. ס'זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען „געטראָפען" און געפונען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעקויפט די שיף און די ערשטע רייזע איז מעהר נישט ווי אַ „פּרוב" און אַז מ'האַלט ביים קויפען נאָך עטליכע אַזעלכע שיפען פאַר דעם יודישען „פלאָט"...

— — אין איינעם פון די כסלו-טעג, תר"פ, פאַרנאַכט, איז די שיף צוגעשטאַנען צום יפו'ער פּאָרט — און אַלע האָבען זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט קיין חלום. די אויפרעגונג אין שטאָדט איז זעהר גרויס. אָבער צוליב דעם שטאַרקען שטורם אויפ'ן ים, איז כמעט נישטאָ קיין האָפנונג, אַז מען וועט קענען היינט אַראָפּנעהמען די געסט — וואַקסט ווידער די אויפרעגונג און אומגעדולד.

אויף מאָרגען האָבען מאַסען געשטראָמט קיין יפו'ער פּאָרט. אַלע געסלעך פון פּאָרט האָבען געברויזט מיט מענשען. די פּאָרט-פּאָליציי האָט איינגעאָרדענט אַ שטאַרקע וואַך און זי האָט אָפּגעטיילט מיט אַ קייט, צווישען דער גרויסער מאַסע און די געביידעס פון פּאָרט און זיינע געסעלעך, כדי דער סדר זאָל אָפּגעהיט ווערען ווי נעהריג.

דעם גאַנצען טאָג האָט שטאַרק גערעגענט. דער ים האָט געשטורעמט און גערוישט. שווערע וואָלקענס און נעפּעל זענען געלעגען אויף די פּאָרט-הימלען. דאָס אַראָפּנעהמען פון שיף איז געווען פערבונדען מיט סכנה; די שיפלעך פלעגען זיך אַ הויב טון „אַזש צום הימעל" און אַראָפּפאַלען „אין אָפּגרונד". פלעגען זיך בעווייזען און איינגעשלונגען ווערען אין די ברויזענדיגע וועלען; און יעדעס מאָל ווען דאָס שיפעל איז דורכגעגאַנגען דעם אָרט, וואָס ס'איז דאָ אַ געפאַהר, און אויך דעם פעלזען-טויער און זיך דערנעהנטערט צום ברעג און די פערשמירטע און אויסגעווייקטע געסט זענען אַרויף אויף דער יבשה — פלעגט אַ שטראָם פון פרייד און ציטער אַרומנעהמען דעם גאַנצען עולם, וואָס שטעהט פון דער ווייטען פון יענער זייט וואַך, אויסגעווייקט פון רעגען, און ציטערט פון קעלט, וואַרט און קוקט אויס אויף עפּעס אַ ידיעה — אַ וואָרט פון דאָרט...

איך האָב זוכה געווען צו זיין איינער פון די אַם מעהרסטען גליקליכע אין יענעם טאָג. איך בין געווען אינעווייניג און כ'האָב זיך געזעהען מיט יעדען איינעם און איינער. אויך איך בין פון רוסלאַנד, פון וועלכען זיי קומען אַצינד. אויך איך האָב דאָרטען עלטערען, ברידער, נאָהנטע, פריינד א. אַ. וו. איך ציטער איינגאַנצען, האָפענדיג אויף אַ גוטע בשורה, אָדער חלילה...

פריהער נעהמט מען אַראָפּ די פרויען, זקנים און שוואַכע. זיי — די חלוצים — זענען נאָך אויפ'ן שיף — די ערשטע אויף אַרויפגעהן זענען די לעצטע אויף אַראָפּגעהן. ס'דערנעהנטערט זיך נאָך אַ שיפעל. עס געהען אַראָפּ אַ פּאָר צעהנדליג בחורים, דאָס זענען עס די ערשטע חלוצים פון רוסלאַנד. מעהרסטענטייל געהערען זיי צו „צעירי-ציון. איך שטעה און שווייג. דאָס וואָרט איז דערשטיקט געוואָרען. אַ פאַרבעהאַלטענער שרעק האָט מיך אַרומגענומען, איך האָב מורא געהאַט צו פרעגען עפּעס פון אונזער שטעדטעל, ווייל ווער ווייס, וואָס איך קאָן הערען פון זיי?

— צי איז דען דאָ צווישען אייך אימיצער פון דער שטאָדט ק.? — האָב איך צום סוף געפרעגט.

און ס'הויבט זיך אָן אַ „סדרה" פון אַ בעגריסען, אַ פרעהליכען און אַ גוטען גרוס.

אַ שטראָם פון הונדערטער פראַגען, רייסען

(ווייטער זעה 6-טען זייט).

ניַיער פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

ניַיער פאָלקסבלאַט

16 דאָנערשטאג — ט"ז טבת תר"צ

יאַנואַר

זון־אויפגאַנג 7.45
זון־אונטערגאַנג 3.35

ווינטער־שטיצע פאַר אַר־בייטסלאָזע

(מ) היינט, דאָנערשטאָג, קומט פאָר די רעגיסטראַציע פון די אַרבייטסלאָזע אויף דער יאַנואַר־שטיצע. ס'קענען זיך רעגיסטרירען די וואָס האָבען דערהאַלטען די שטיצע פאָר דעצעמבער און די וואָס האָבען אין דעצעמבער אויסגעשעפּט די שטיצע פון אַרבייטסלאָזען פאָנד.

די רעגיסטראַציע קומט פאָר אין לאָקאַל פון אונטערשטיצונגס־פאָנד אויף פּיעטרקאָווער 273 פון 9 ביז 2 לויט פאָלגענדער אָרדנונג:

היינט, דאָנערשטאָג רעגיסטרירען זיך די אַר־בייטסלאָזע מיט די פאַמיליען־נעמען אויף

M. N. O.

P. R. S. — פרייטאָג

T. U. W .Z. — שבת

שטיצע פאַר אַרבייטסלאָזע

(2) בשעתו האָבען מיר מיטגעטיילט, אַז אַ דעלעגאַציע פון קלאַסען־פעראיין האָט דערלאַנגט אין מיניסטעריום פון אַרבייט און געזעלשאַפטליכער שוץ אַ מעמאָריאַל וועגען פערבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטסלאָזע אין דער לאָדזער פּראָווינץ. ווי בעוואוסט בעקומען די אַרבייטסלאָזע אין לאָדז אונטערשטיצונג אין משך פון 17 וואָכען און אין די נאָהענטסטע פּראָווינץ שטעט, נאָר 13 וואָכען. אַ דעלעגאַציע אין מיניסטעריום האָט אויסגעפּועלט, אַז אויך אין די נאָהענטסטע פּראָווינץ־שטעט אַרום לאָדז וועלען די אַרבייטסלאָזע בעקומען אונטערשטיצונג פון אַרבייטסלאָזען־פאָנד 17 וואָכען.

פון האַנדעלס־געריכט

די האַנדעלס אָפּטיילונג ביים קרייז־געריכט האָט ערקלערט באַנקראָט דעם אינהאַבער פון הורט־לאַגער פון זאַלץ און מינעראַל־אייל־ען (11 ליסטאָפּאַדאַ 20) מיכאל מענדעל גאָלדשטיין.

דעם באַנקראָטירטען אברהם פינטשעווסקי (גדאַנסקאַ 35) האָט דאָס געריכט ערטיילט אַ נלייט ביז'ן 1. אַפּריל. גלייכצייטיג האָט דאָס געריכט ערטיילט אַ גלייט און בעפרייט פון געפענגניש פאָר בעל־חובות דעם גאַרן־הענדלער גוסטאַוו שענוואַלד (נאָוואַ־טאַרגאָוואַ 20.

פון טורמע איז אויך בעפרייט געוואָרען סאַמועל לאַסמאַן „פאַבריק פון כעמישע אויסאַר־בייטונגען" (פּאָלודניאָוואַ 80. עס איז איהם אויך ערטיילט אַ גלייט אויף איין חודש.

עס איז אַריינגעפלאָסען אַ בקשה פון דער פירמע „ע. נ. ג." אינהאַבערין צעציליע ריזענבערג טריקאָטאַזש (6 שערפּיען־גאַס 2) וועגען פּראָלאָנ־גאַציע.

קיין סכנה ביים קויפען און עסען פיש

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ידיעה וועגען די פער'סמ'טע וואַסערן אין דער ווייכסעל און אין די אַרומיגע וואַסערן, ווי אויך וועגען די פער־סמ'טע פיש אין די וואַסערן, טיילט מיט דער פיש־סוחרים פעראיין, אַז די פיש, וועלכע געפינען זיך אין לאָדז, שטאַמען פון רוסלאַנד, יוגאָסלאַוויען, דאַנציג, אונגאַרן און פון די ווייטע פּויזנער אָזערעס, וואָס האָבען קיין שום שייכות און קיין שום בעריהרונג נישט מיט די וואַסערן אַרום דער ווייכסעל.

פאַר די קויפער און קאָנסומענטען פון פיש אין לאָדז איז דעריבער קיין שום געפאַהר נישט פאַרהאַן. מען מעג קויפען און עסען פיש.

דערשאָסען אַ לאָדזער יודישען סוחר

(—) מען איז מודיע, אַז אין דער נאַכט פון 11. אויפ'ן 12. ד. ה. איז אין דער געגענד פון מאַנילנאַ נעבען סטאַלבצי דערשאָסען געוואָרען דורך דער גרעניץ־וואַך דער לאָדזער יודישער סוחר וו. שימהאַליץ.

שפּעט צונויפגעשטעלטע מעטריקעס זענען גילטיג

אָפּגעשאַפט אַ וויכטיגע בעגרענצונג פאַר יודישע פּאָבאָראָוועס אויף דער אינטערווענץ פון לייטער פון יודישען ציוויל־שטאַנד־אַמט

ס'איז פון כמה יאָהרען אַנ'אמת'ע פּלאָג ובפרט פאַר דער יודישער בעפעלקערונג, וואָס ביים חתונה האָבען מאַכט מען נישט קיין אָפיציעלע חתונה־אַקטען, ווען ס'ווערען געבוירען קינדער, פערשרייבט מען זיי נישט אין די ביכער און שפּעטער האָבען זיי צרות אָהן מעטריקעס און אָהן דאָקומענטען. די יודישע יונגעלייט אָהן מעטריקעס האָבען בפרט געליטען דערביי, ווען ס'פלעגט אָנקומען די צייט פון מיליטער־פּאָבאָר. פלעגט זיך אָנהויבען אַ סדרה דאָקומענטען. מ'פלעגט דאַרפען מאַכען ספּעציעלע קאָמיסיעס, וועלכע פלעגען פעסטשטעלען דעם עלטער פון די פּאָבאָר־פליכטיגע.

אין אָקטאָבער פאָריגען יאָהר האָט דער לייטער פון ציווילשטאַנד־אַמט, ה' ליבראַך אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן שטעטישען סטאַראָסטע ריכטאַלעוויטש. בעת דער קאָנפערענץ האָט ה' ליבראַך אָנגעוויזען, אַז פאַר די יודישע יונגעלייט, וועלכע האָבען נישט קיין מעטריקעס, קען מען אין מאַגיסטראַט מאַכען אַזעלכע פערשפּעטיגטע מעטריקעס, וועלכע זאָלען האָבען דעמזעלבען ווערט, וואָס די ריכטיגע מעטריקעס, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען אין דער ריכטיגער צייט, ד. ה. אין פערלויף פון 8 טאָג נאָכ'ן געבורט. אויף אַזאַ אופן וואָלטען די יודישע יונגעלייט, וואָס האָבען נישט קיין מעטריקעס אויסגעמיטען די שווערע פּראָצעדור פון די קאָמיסיעס פעסטצושטעלען דעם עלטער און אַז. וו.

אַ צירקולאַר פון קריגס־מיניסטעריום פון 29 אַפּריל האָט פעראָרדענט, אַז די יודישע יונגעלייט, וואָס האָבען נישט קיין ריכטיגע מעטריקעס, דאַרפען שטעהן פאַר אַ ספּעציעלער קאָמיסיע, וועלכע זאָל פעסטשטעלען זייער עלטער.

דאָס העכסטע געריכט האָט אָבער אַרויסגעגעבען אַנ'ערקלערונג, אַז פערשפּעטיגטע געבורטס־אַקטען האָבען די זעלבע קראַפט, וואָס די, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרען אין דער ריכטיגער צייט. דער מאַגיסטראַט האָט זיך געשטיצט אויף דער דאָזיגער ערקלערונג און אָנגעוויזען, אַז דאָס געזעץ וועגען אַלגעמיינעם מיליטער־דינסט מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישען אָנגעהעריגע פון פערשידענע גלויבענס, זיך געווענדעט צו דער וואָיעוואָדזטווע, אַז זי זאָל אויסווירקען, מ'זאָל אָפּרופען דעם צירקולאַר פון 29 אַפּריל 1929, און אַזוי אַרום אָנערקענען די רעכטסקרעפטיגקייט אויך פון די פערשפּעטיגטע מעטריקעס פאַר פּאָבאָר־פליכטיגע יודישע יונגעלייט.

די דאָזיגע אינטערווענץ האָט געהאַט ערפאָלג.

איצט איז דערהאַלטען געוואָרען אַנ'אויפקלערונג פון קריגס־מיניסטעריום, וועלכע שטעלט פעסט אַז דער דערמאָהנטער צירקולאַר האָט פערלוירען זיין גילטיגקייט, ווען ס'איז ערשינען דאָס געזעץ וועגען אַלגעמיינעם מיליטער־פליכט.

איצט וועט מען פאַר אָנגעהעריגע פון אַלע גלויבענס, דאַרפען מאַכען קאָמיסיעס אויף פעסטצושטעלען זייער עלטער נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי וועלען נישט בעזיצען קיין שום דאָקומענטען, דאָס אַלען קענען פעסטשטעלען זייער עלטער, אַזוי אַרום איז אָפּגעשאַפט געוואָרען אַ בעגרענצונג פאַר יודישע יונגעלייט, וואָס האָט זיי פערשאַפט פיל פערדרוס און אומשטענדען.

וואָיעוואָדישע אויספאָרשונג

וועגען דעם פער'סמ'טען וואַסער

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פאַל אין די כעמישע אַנשטאַלטען „ניטראַט" אין ניעוואַראָוו, אינפאָרמירט מען אונז פון דער וואָיעוואָדזטווע, אַז די סיבה, וואָס דער רעזערוואָאַר האָט געפּלאַצט איז די שוואַכע צוזאַמענלייטונג פון דעם צינק־בלעך, מיט וועלכען דער קעסעל איז פון אינעווייניג געווען אויסגעלייגט. בלעך איז ווידערשטאַנדס־פעהיג אויף זויער־שטאָפען. אין אַ געוויסען אָרט האָט אָבער די בלעך דורכגעלאָזט די זויערקייטען, וועלכע האָבען דורכגעפרעסען די וואַנטלעך פונ'ם אייזען־בעטאָנענעם קעסעל, אונטער דעם דרוק פון דעם זויערקייט האָט געפּלאַצט דער וואַנטעל פונ'ם קעסעל און אַרויסגעלאָזט אַרום 20,000 קילאָגראַם פערשידענע זויערקייטען, וועלכע ענטהאַלטען 82 פּראָצענט שוועבעל און 4 פּראָצ. אַזאָט. די זויערקייטען זענען שוין געווען פאַרבערייט צום פערקויפען.

די אַנאַליזע פונ'ם פער'סמ'טען וואַסער, וועלכע איז גענעכטען אַדורכגעפיהרט געוואָרען, האָט בעוויזען, אַז דאָס וואַסער איז שוין אינגאַנצען ריין.

פאַרפאַלען פון פער'סמ'ען זענען נישט פאָרגעקומען.

אויפ'ן אָרט פון פאַרפאַל זענען מצד דער וואָיעוואָדישער מאַכט אַרויסגעפאָהרען דער דירעקטאָר פון אַנשטאַלט צו פאָרשען פּראָדוקטען, אינזשעניער קעמפּינסקי, שעף פון דער אינדוסטריעלער אָפּטיילונג, אינזש. י. פּיאַסקאָווסקי, דער פּאָוויאַטאָווער דאָקטאָר אין בזשעזשין, באַכאַנסקי און דער קאָנטראָליאָר פון די מלוכה'שע אַנשטאַלטען צו פאָרשען פּראָדוקטען, ה' בוגאַטש.

די שווערע לאַגע אין מסחר

(2) ווי מ'טיילט אונז מיט פון סוחרישע קרייזען איז דער חודש דעצעמבער געווען זעהר אַ שווערער. ערשט איצט, נאָך די חנאות, קען מען פעסטשטעלען, אַז דעצעמבער איז געווען דער שווערסטער חודש אין פאָריגען יאָהר. די צאָהל פון די פּראָטעסטען ביי די רעיענטען איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען געמוזט בעשעפטיגען צוגאָב־אָנגעשטעלטע. אויך פון גאַליציען קומען אָן ידיעות פון אַ ריהע גרעסערע פירמעס, אַז זיי האָבען אָפּגעשטעלט זייערע צאָהלונגען און שלאָגען פאָר איצט צו רעגולירען זייערע חובות אויף 40—50 פּראָצ. די שלעכטע סיטואַציע אין לאָדז האָט זיך נאָך מעהר פערגרעסערט.

אין לויפענדען יאָהר

וועט די רעגירונג אַרויסגעבען הלוואות נאָר אויף אָנגעהויבענע בוי־אַרבייטען

(וו) אין לאָדז וויילט איצט דער דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט פאַר לאַנג־טערמיניגען קרעדיט, ה' שענק. אין אַנ'אינטערוויו האָט ה' שענק ערקלערט פאָלגענדעס: די קרעדיטען, וועלכע ווערען ערטיילט דורכ'ן „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואַ קראַיאָוועגאָ" דאַרפען נאָך דעם פערענדיגען פון יעדער בוי־אונטערנעהמונג, פּריוואַטער, אָדער קאָאָפּעראַטיווער, דאַרפען פערטוישט ווערען אויף לאַנג־טערמיניגע הלוואות מיט אַ היפּאָטעק־גאַראַנטיע. ביז איצט האָט די באַנק ערטיילט קרעדיטען אויף 300 מיליאָן זל. פון וועלכע 2 דריטעל זענען שוין פערטוישט אויף קאָנווערסיע־הלוואות. אויף 1930 דאַרף מען אויף קיין גרויסע בוי־קרעדיטען נישט האָפען. ס'וועלען ערטיילט ווערען ווייטער קרעדיטען נאָר פאַר שוין אָנגעהויבענע בוי־אַרבייטען, וועלכע ווערען געפיהרט אויף די הלוואות פון דער באַנק אָדער אויף פּריוואַטע מיטלען.

Dr. med. ALBERT GOTLIB

Piotrkowska 26, tel. 177-50

אַקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען־קראַנקהייטען.
נעהמט אָן אין דערהיים פון 3–6 אָוונט
און אין לעטשניצע „Vita" פּיעטריק. 45
פון 6.30 ביז 7.30 אין אָוונט.

לאָדזער קאַמעראַל־טעאַטער „אַרט" אַל. 1. מײַ 2
פריהער ענגל. זאַל
קינסטל. ליט. מ. בראָדערזאָן, דיר. י. סטרוגאַטש, קאָמפּ. ד. בייגעלמאַן
קאָנפעראַנסיער: נתן רייכענבערג.
היינט, דאָנערשטאָג. דעם 16־טען, 9.30 אַ זייגער אָוונט
פּרעמיערע פון 2־טען פּראָגראַם
א. נ. „חזי־געלעבט"
בילעטן צו בעקומען ביי דער קאַסע פון טעאַטער יעדען טאָג פון 11—1 מיטאָג און פון 5 נאָכמ.

אויף איין פּאַטענט

קענען אויסגעפיהרט ווערען פער־שידענע האַנדעלס־פונקציעס

(וו) דאָס העכסטע געריכט האָט אין אַ פּראָ־צעס אַרויסגעגעבען אַנ'אויפקלערונג, אַז פערשידענע האַנדעלס־פונקציעס קענען אויסגעפיהרט ווערען אויף איין האַנדעלס־פּאַטענט, ווייל אַ פּאַטענט טאָרף אויסגעקויפט ווערען נישט פאַר יעדער האַנדעלס־פונקציע, נאָר פאַר יעדער האַנדעלס־אונטערנעהמונג. דערפאַר צ. ב. קען אַ קאָמיר־אונטערנעהמונג פיהרען אויפ'ן זעלבען פּאַטענט אויך אַ פערקויף אויף איגענע רעכנונג.

אומזאַץ־שטייער

(2) געוויסע קאַטעגאָריעס צאָהלער פון אומזאַץ־שטייער קענען זיך בעמיהען וועגען פערקלענערען זיי די קאָנטעס, וואָס זיי דאַרפען אויסצאָהלען פונ'ם שטייער. צו זיי געהערען אין דער ערשטער רייה, די סוחרים און אינדוסטריעלער וואָס האָבען היי־יאָהר פערקלענערט זייערע לאָקאַלען, אָדער דעם אָנגעשטעלטען־פּערסאָנאַל א. אז. וו., אַזעלכע סוחרים דאַרפען רעוויזען, אַז אין יאָהר 1929 האָבען זיי געמאַכט אַ קלענערען אומזאַץ ווי אין יאָהר 1928. אינסטרוקציעס וועגען דעם, האָט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום פינאַנציעל געשיקט צו אַלע פינאַנץ־קאַמערן.

וועגען עקספּאָרט קיין ענגלאַנד

(2) ווי מיר דערוויסען זיך, דאַרפען אַלע סחורות, וועלכע ווערען עקספּאָרטירט קיין ענגלאַנד, לויט דער פעראָרדענונג פון דער ענגלישער מאַכט געצייכענט ווערען „מאַד און פּאָלאַנד" — — (Made in Poland)

גלאָז, צעמענט און אייזען מוזען שוין זיין גע־צייכענט פונ'ם 17. מערץ. טריקאָטאַזש — פונ'ם 1־טען אויגוסט.

פּרעסע קאָנפערענץ

מאָרגען פרייטאָג, 1.30 נאָכמיטאָג קומט פאָר אַ פּרעסע־קאָנפערענץ מיט ה' סאָקאָלאָוו, צו וועלכער עס זענען איינגעלאָדען געוואָרען אַלע רעדאַקציעס פון די היגע צייטונגען.

זונטאָג צווייטער רעפעראַט פון ה' נחום סאָקאָלאָוו

זונטאָג, דעם 19. ה. ח. פּינקטליך 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין פילהאַרמאָניע זאַל אַ רעפעראַט פון ה' נחום סאָקאָלאָוו א. ד. ט.: „די געגענוואַרט און צוקונפט פון אַרץ־ישראל".

אַריינגאַנגס־בילעטען וועלען אַרויסגעגעבען ווערען פון מאָרגען פרייטאָג, אָן אין ביוראָ פון „קרן־היסוד" (צעגעלניאַנאַ 4).

דעלעגאַציעס פון די האַנדווער־קער צום קבלת־פנים פון נחום סאָקאָלאָוו

אין האַנדווערקער־קלוב, פּאָלודניאָוואַ 4 איז אויסגעזעהלט געוואָרען אַ דעלעגאַציע, וואָס וועט זיך בעטייליגען אין דעם קבלת־פנים פאַר דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע ה' נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער קומט היינט קיין לאָדז. אין דער דעלעגאַציע זענען אַריין די ראַטמענער פון דער האַנדווערקער־קאַמער, אַלע סטאַרשעס פון די צעכען, ווי אויך אַלע פאָרשטעהער פון די פער־איינען, וואָס גרופּירען זיך אַרום דעם האַנדווערקער־קלוב, פּאָלודניאָוואַ 4.

אַ דין דעם איז געוועהלט געוואָרען אַ דעלעגאַציע אין די פערבאַנען: אָרדינאַנס, אָרדערבערג און סענדאָוויסקי, וואָס וועט בעגריסען דעם חשוב'ן גאַסט, בעת דער אַקאַדעמיע אין פילהאַרמאָניע זאַל.

* * *

אין שייכות מיט דער סאָקאָלאָוו־פייערונג רופט דער ספּאָרט־פעראיין „חשמונאי" אַלע זיינע מיטגלידער זיך צו זאַמלען 3.30 נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון קלוב.

טראַגישער טויט פון אַנ'אַרבייטער

צוריסען געוואָרען דורך דער מאַשין

(ט) אין זאַליגערס פאַבריק (פּיעטריקאָווער 186) האָט איינער פון די אַרבייטער אַנדזשעי קאַסיר־נאַנאַ (טושינסקאַ 5) זיך אומפאָרזיכטיג צונאָהענט דערנעהנטערט צו דער מאַשין. די טראַנסמיסיע האָט איהם אונטערגעכאַפּט און איידער די איבעריגע אַרבייטער האָבען בעוויזען זיך צו אָריענטירען און אָפּשטעלען די מאַשין, איז דער אומגליקליכער דורך דער מאַשין ממש צוריסען געוואָרען.

דער פאַל האָט געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק אויף די איבעריגע אַרבייטער.

מעמאָריאַל פון די פוילישע יודן אין אמעריקא צו דער פוילישער רעגירונג

וואַשינגטאָן, 15 (יט"א טעלעגראַפיש).
דער פוילישער געזאַנדטער אין די פעראייניגטע שטאַטען ה' פיליפאָוויטש האָט איבערגעגעבען א רעזאָלוציע פון די פוילישע יודען. די רעזאָלוציע האָט בעריהרט די שווערע ווירטשאַפטליכע לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען און האָט דעם געזאַנדטען איבערגעגעבען א מעמאָריאַל, אין וועלכען עס ווערט געמאַכט די אנרעגונג, אַז די פוילישע רעגירונג זאָל צונויפרופען א קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זאָל בעטראַכט ווערען די לאַגע פון פוילישען יודענטום.

דער געזאַנדטער פיליפאָוויטש האָט צוגעזאָגט איבערצושיקען דעם מעמאָריאַל דער פוילישער רעגירונג.

געזאַנדטער פיליפאָוויטש וועגן פרעמיער באַרטעלס עקספּאָזע

וואַשינגטאָן, 15 (יט"א טעלעגראַפיש).
אין א געשפּרעך פון א יט"א-פאָרשטעהער מיט פוילישען געזאַנדטען אין וואַשינגטאָן ה' פיליפאָוויטש, האָט דער געזאַנדטער דערקלערט, אַז ער בעדויערט, וואָס פרעמיער באַרטעל האָט אין זיין עקספּאָזע נישט בעריהרט די יודען-פראַגע.

מעמאָריאַל פון חברון'ער יודען צום הויך-קאָמיסאַר

ירושלים, 15 (יט"א טעלעגראַפיש).
די חברון'ער פּליטים האָבען זיך געווענדעט שוין צום צווייטען מאָל צום הויך-קאָמיסאַר מיט א מעמאָריאַל וועגען דער שווערליכער לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די חברון'ער יודען. דעם מעמאָריאַל האָבען אונטערגעשריבען הרב פ. ענקעל, הרב סלאָנים און א. אנד. עס ווערט אנגעוויזען, אַז צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע איז די יודישע שטאָט חברון געבליבען אָהן יודען.

עס ווערט אויך אנגעוויזען אין מעמאָריאַל, אַז ביז היינט, וואָס עס איז אפּגעשטעלט געוואָרען די אונטערשטיצונג פאַר די חברון'ער יודען געפינען זיך אלמנות, יתומים און זקנים אין דער גרעסטער נויט. אין דער זעלבער צייט געהען אַרום די אַראַבישע מערדער, אַגיטאַטאָרען און רויבער פרייַ און פריי.

צום סוף ווערט געפאָדערט, אַז עס זאָל אנגענומען ווערען שריט אויפצובויען די חרוב געוואָרענע שטאָט.

נישט ערלויבט אַן אַראַבישען אַגיטאַטאָר צו קומען קיין עגיפּטען

קאַירא, 15 (יט"א טעלעגראַפיש).
דער עמיר נאַריר האַרטלאַק, וועלכער פאָהרט קיין אמעריקא אַגיטירען לטובת די ארץ-ישראל אַראַבער, האָט געוואָלט אפּשטייגען אין עגיפּטען, וואו מען האָט פאַר איהם צוגעגרייט א פייערליכען קבלת פנים. פון דעם קבלת פנים איז אָבער גאָרנישט געוואָרען, ווייל די עגיפּטישע רעגירונג האָט דעם עמיר נישט ערלויבט אַראָפּצוגעהן אין עגיפּטען און מען האָט איהם גלייך אפּטראַנספּאָרטירט קיין פּאָרט סאַיד.

בודזשעט פון דער בערלינער יודישער קהלה

בערלין, 15 (יט"א טעלעגראַפיש).
אויף דער לעצטער זיצונג פון דער בערלינער יודישער קהלה איז אנגענומען געוואָרען דער בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1930 אין דער הויך פון 12 מיליאָן מאַרק.

די בערלינער יודישע קהלה צעהלט איצט 200 טויזענד נפשות.

א פאַבריק-שטרייק אין טאָמאַשאָוו

(2) אין דער פאַבריק פון דער „אַקציען-געזעלשאַפט פון קאַמגאַרן" אין טאָמאַשאָוו, וועלכע איז אַנ'ענגליש אייגענטום און בעשעפטיגט 1,000 אַרבייטער, איז אויסגעבראָכען א שטרייק, ווייל די אַדמיניסטראַציע האָט אָפּגעזאָגט פון דער פאַבריק 2 דעלעגאַטען.

דער דירעקטאָר פון דער אונטערנעהמונג, אַנ'ענגלענדער, האָט אָנגעפרעגט אין טעקסטיל-אינדוסטריעלען פערבאַנד, צי דאַרף מען אָנערקענען פאַבריקס דעלעגאַטען. דערוויסענדיג זיך וועגען דעם האָט דער סעקרעטאַר פון לאָדזער קלאַסען-טעקסטיל-פעראיין וואַלטשאַק אָפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ מיט'ן דירעקטאָר פון אינדוסטריעלען פערבאַנד א נוש. רומפעל, וועלכער האָט מיטגעטיילט אין טאָמאַשאָוו, אַז אין לאָדז ווערען די דעלעגאַטען אָנערקענט און אַז מ'דאַרף אויסוועהלען זיי אַלס דעלעגאַטען ווערען זיי נישט צוגעזאָגט.

א קינדער רעוויו-פאָרשטעלונג

ביי אונז אין שטאָדט האָט זיך געשאַפען א קרייז, וואָס האָבען זיך געשטעלט פאַר א ציל צו קולטיווירען אַרטיסטישע פעהיגקייטען ביי קינדער. און גלייכצייטיג האָט זיך געגרינדעט א שטענדיגע געזעלשאַפט אונטער'ן נאָמען „ביהנע פאַר קינדער". די ערשטע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען זונטאָג, אין לאָקאַל פון יודישען יתומים-הויז פּאָלנאַצנאַ 38.

ריטמישע טענץ זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך מיידלעך אונטער דער לייטונג פון פּיל. האַלצבערג.

א פילם, וועלכע האָט געוויזען א באָקס מעטש פון קינדער.

„דאָס חסידישע טענצעל" געטאַנצט דורכ'ן 8-יאָהריגען מיידעל'ע מאַניושאַ.

א 3 אַקטיג קינדער-מעשה'לע „אָוועגט" אין פּוילים.

די רעזשי פון ה' ש. קאַרמאַנען איז געווען גוט.

א „טאַנץ" פון קינדער פאַר קינדער.

„ווניע מיינער" געזונגען דורכ'ן קינדער-אַנסאַמבל.

דאָס מאַניושעלע האָט צוגעטאַנצט א „קאָזאַקעל"; „רבי טאַנץ"; „סאָלאָווייי" פון ל. קאַפּלאַן, דאָ האָט זיך אויסגעצייכענט דער יונגעטשקער עדעק.

„אוי וועט זיין א חתונה" פון משה בראָדערזאָן איז געוואָרען אויסגעפיהרט אייגענאַרטיג פון די קינדער.

די דעקאָראַציעס געמאָלט פון די ה"ה: א. הענדלער, פאָגעל און פרישמאַן זענען געווען גוט צוגעטראַכט. מוזיק-אילוסטראַציעס פון ה' סטאַשאָווער און די ליכט-עפעקטען פון ה' ירושאַלימסקי האָבען מיטגעווירקט אין א גרויסע מאָס צום ערפאָלג.

די איניציאַטאָרען פון דער אימפּרעזע קומט יישר-כח פאַר זייער מיה. מ. ש.

ראַדיאָ-פּראָגראַם

דאָנערשטאָג, דעם 16 יאַנואַר

וואַרשא, 12,10 „וועגען וואָס עס מוז וויסען יעדע בעלי-בית'טע", רעפעראַט פון מ. קאַרטשעווסקאַ 12.40 שילער-קאָנצערט פון וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. 15.00 קאָמוניקאַטען. 16.15 גראַמאָפאָן-פּליטען. 17.15 „צווישען ביכער" וועגען די נייעסטע אויסגאַבען, רעפעראַט פון פראָפ. ה' מאָשטיצקי. 17.45 קאָנצערט לכבוד פאַדערעווסקי'ן. 20.05 פעליעטאָן „מאַיעסטעטען אין שלאָפרעק" סט. מאַר. 20.20 לייכטע מוזיק. 21.10 ליטעראַרישער שמועס. 22.00 „בראַזיליאַנישע אוואַנטוריסטען" פעליעטאָן. 22.15 קאָמוניקאַטען. 23.00 לייכטע מוזיק.

ווילנא, 18.45 „די געשיכטע וועגען דעם צווייטען בבל-טורם" אַנטאָני וואַשילעווסקי.

פּויזען, 19.00 אויטאָר רעציטאַציע פון פר. מאָרוזעגאָו. 20.00 אָווענד-קאָנצערט.

קראָקאָ, 20,30 אָווענד-קאָנצערט.

העלזינגפאָרס, 19.05 סימפאָנישער קאָנצערט.

וויען, 19 30 טראַנסמיסיע פון מוזיק-פעראיינס-זאַל „יציאת מצרים" פון הענדעל.

בודאַפּעשט, 19.30 טראַנסמיסיע פון דער קעניגליכער אָפּערע „אַננאַ קאַרענינאַ".

אפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) כ. אַנטאָניעוויטש (פּאַביאַניצער 50), באָנדזשינסקי (פּיעטריקאָווער 163), סאָקאָלעוויטש פּושעיאָזד 19, ר. רעמבעלינסקי (אַנדזשעיאַ 28), י. זינדעלעוויטש (פּיעטריקאָווער 25), קאַטאַרקעוויטש (זגערזשער 54), ס. טראָווקאָווסקאַ (בזשעזשינער 56).

קאָנפערענץ וועגען פערלעגערען צווי גאַסען

(מ) מאָרגען, דעם 17 ד. ח. קימט פאָר א קאָנפערענץ פונ'ם מאַגיסטראַט-פּרעזידיום מיט די פאָרשטעהער פון די פירמעס י. ק. פּאָזנאַנסקי און יוליוש קינדערמאַן, וועגען אויסטוישען לאַנד-שטחים אויף שטאָטישע אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פּראָיעקטירטען פערלענגערן די זשעראָמסקאַ און אַננאַ גאַסען.

פון געריכט

געפעלשט וועקסלען

אין קרייז-געריכט זענען פאָרגעקומען צוויי פּראָצעסען געגען שיק-סוחר גאָלדשטיין, פאַר פעלשען וועקסלען און לאָזען זיי אין פערקעהר. אין איין פּראָצעס איז דער בעשולדיגטער פערמשפּט געוואָרען אויף א יאָהר טורמע און אין צווייטען פּראָצעס — אנדערטהאַלבען יאָהר טורמע.

דער מאַסקען-באַל פאַר „קאַכאַנובקע"

דער מאַסקענבאַל, וועלכער דאַרף פּאָרקומען שבת-צו-נאַכטס לטובת דעם שפּיטאַל „קאַכאַנובקע", ווערט טיכטיג צוגעגרייט. דער באַל זאָגט צו צו זיין די אַטראַקציע פון דעם הייאָהריגען קאַרנאַוואַל. עס וועלען צו העלפען צום ערפאָלג סיי דאָס געקליבענע פּובליקום, סיי דער בילינער בופעט, סיי די צאָהלרייכע אַטראַקציעס פאַר די געסט.

היינט — פּרעמיערע אין „אררט"

היינט, 9.30 אָוועגד וועט אין „אררט" געגעבען די פּרעמיערע פון 2-טען פּראָגראַם א. ב. „היי-גנלעבט". „אררט" האָט ביי די היינטיגע שווערע צייטען געפינען א רפואה, צו פערטרייבען די מרה-שחורה פון לאָדזער יור.

דאָס פּראָגראַם האָט פון כל-טוב. ערנסטע דראַמאַטישע נומערן, פריילעכע מוזיקאַלישע נומערן, און חי-געלעבט בעטייליגט זיך דער גאַנצער אַנסאַמבל.

ווען מען נעהמט אין בעטראַכט, אַז פאַר טעקסטען צום פּראָגראַם האָבען געזאָרגט, משה בראָדערזאָן, שרה רייזען, איציק מאַנגער, רער. ח. י. בזשאָסטאָווסקי, אַבראָשאַנעק און געבירטיק, א. קאַפּלאַן און ברוירע. פאַר מוזיק — דוה ביינעלמאַן און פאַר דעקאָראַציעס און קאָסטיומען ר. מאַטוס און ש. בלום, איז זיכער, אַז חי-געלעבט וועט שטעהן אויף א הויכע קינסטלערישע מדרגה.

פּראָצעס וועגן מאָרד אויף וואָסקאַדניאַ-גאַס

(ענדע פון דער 1. זייט).

ציוויל-מאָהנער מצד דער פאַמיליע איז אַרויסגעטראָטען אדוו. קעמפנער.

וואָס ס'דערצעהלט דער בעשולדיגטער

אויף דער פראַגע, צי ער איז שולדיג — ענטפערט בערנשטיין, אַז ניין. ער דערצעהלט מיט א רוהיגער שטים, אַז א געוויסער ישעיה זילבערשאַץ און הערש מאָטיל פּאַציאַרקאָווסקי פלעגען ביי איהם פון צייט צו צייט פערלאַנגען נדבות אויף א וואוילטעטיגען צוועק און עטליכע מאָל האָט ער זיי געגעבען צו 3 און צו 5 זל. דעם לעצטען מאָל, האָט איז געווען נישט לאַנג פאַר'ן טראַגישען פאַל, האָט ער זיי אָפּגעזאָגט, ווייל ביי איהם איז קראַנק געווען א קינד און ער האָט נישט געהאַט קיין געלד. זייט דאַן זענען זיי אויף בערנשטיינען געוואָרען בייז. דערווייל האָט זיך בערנשטיין דערוואוסט, אַז דאָס געלד, וואָס זיי זאַמלען צוגויף כלומרשט אויף וואוילטעטיגע צוועקען פערברויכען זיי פאַר זיך, האָט ער וועגען דעם פערעפענטליכט אַנ'אָנאָנס אין „נייעם פאָלקסבלאַט". זיי האָבען איהם דאַן אַרויסגערופען אויף א „דין תורה", ער איז אָבער אַהין נישט געגאַנגען. זייט דאַן האָט מען איהם פערפאָלגט. צווישען די פערפאָלגער האָט זיך געפונען באַלבערמאַן. ער האָט אויך דאַן בעקומען אַנאָנימע דראָהונגס-בריף און דערפאַר זיך בעמיהט וועגען אַנ'ערלויבעניש אויף צו טראָגען נעוועהר און האָט אזא ערלויבעניש טאַקע בעקומען.

דעם 19. סעפּטעמבער, אַרום 8 א זייגער אין אָוועגר, איז בערנשטיין אריינגעקומען אין לייבצינגערס שענק און אויסגעטרינקען א גלאָז וואַסער. דאָרט האָט ער געטראָפען באַלבערמאַנען, זיין זוהן, פּאַציאַרקאָווסקי א. אַנד. באַלבערמאַן האָט זיך מיט איהם צוקריגט און אַרויסגעכאַפּט צו איהם א רעוואָלווער. דאַן האָט ער, בערנשטיין, אויך אַרויס געכאַפּט א רעוואָלווער און האָט אויסגעשאָסען 6 מאָל, 4 פון די קוילען האָבען געטראָפען באַלבערמאַנען, וועלכער איז געפאַלען, בערנשטיין איז דאַן אַרויסגעלאָפען, געכאַפּט א טאַקסאָבוס און איז אוועקגעפאָהרען אין דער ריכטונג צום באַלוטער מאַרק, געוואָלט האָט ער פאָהרען קיין אַלעקסאַנדער צום בורמיסטער אַנדרושעיאַק, זיינעם א גוטען בעקאַנטען, מיט וועלכען ער האָט זיך געוואָלט בעראַטען, וואָס ער זאָל ווייטער טוהן. אָבער ביים באַלוטער מאַרק האָט מען איהם געכאַפּט און אַרעסטירט.

פערהער פון די עדות

נאָכדעם ווערען אויפגענומען די פּערסאָנאַליען פון די עדות און ס'הויבט זיך אָן דער עדות-פערהער. אַלס געשוואוירענער איבערזעצער פאַר די עדות, וואָס קענען נישט רעדען פּויליש ווערט אַרויסגערופען אַפּליקאַנט קאָהן. ס'ווערען פערהערט א רייהע עדות: דער זוהן פון דערמאָרדעטען פּאַציאַרקאָווסקי, לייבצינגער, קאַכאַנסקי א. אַנד.

די עדות דערצעהלען, אַז די שיסעריי איז פאָרגעקומען נישט אין שענק, נאָר אויף דער גאַס ביים שענק. ווען באַלבערמאַן איז געפאַלען, איז צו איהם צוגעלאָפען פּאַציאַרקאָווסקי מיט נאָך 3 מענשען, מ'האָט איהם אויפגעהויבען און אריינגעטראָגען צו א נאָהענטען פעלדשער, וועלכער האָט איהם שוין קיין הילף נישט געקענט ערטיילען. דאַן האָט מען איהם איבערגעטראָגען אין סאַמיסאַריאַט, וואו אהין מ'האָט אַרויסגערופען די פּאָגאָטאָוויע.

פּאַציאַרקאָווסקי דערצעהלט, אַז באַלבערמאַן האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און א רינג און האָט איהם אָפּגעגעבען, אַז ער זאָל איבערגעבען זיין פרוי. ווען ער איז געשטאָרבען האָט מען ביי איהם אַרויסגעפיהרט א רעוויזיע און געפונען 100 זל. און א וועקסעל. (מעהר קיין זאַכען האָט מען ביי באַלבערמאַנען נישט געפונען).

ווייטער לייקענט פּאַציאַרקאָווסקי, אַז מ'זאָל האָבען בערנשטיין געהאַט גערופען אויף א „דין תורה". דאָ נעהמט אַרויס אדוו. פּיליק אַנ'איינלאַדונג צו בערנשטיינען צו קומען אויף א „דין תורה". ער בעט מ'זאָל דעם דאָקומענט צולעגען צו די אַקטען. נאָך א קורצער בעראַטונג בעשליסט דאָס געריכט די איינלאַדונג צוצולעגען צו די אַקטען.

די איינלאַדונג האָט א וויכטיגע בעדייטונג פאַר דער פערטיידיגונג, מיט דעם בעשטעטיגט זי די בעהויפּטונג, אַז דער קאָנפליקט צווישען בערנשטיין מיט זילבערשאַצען איז געווען נישט קיין פּערזענליכער.

דער עדות לייבצינגער דער איינהאָבער פון שענק, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער טראַגישער צוזאַמענשטויס דערצעהלט, אַז צווישען בערנשטיינען און באַלבערמאַנען, וועלכער האָט געהאַט א „הייזעל" איז פאָרגעקומען מיט עטליכע יאָהרען צוריק א קאָנפליקט, באַלבערמאַנס מיידלעך האָבען פערנאַרט און צושלאָגען בערנשטיינס א שוועסטער זוהן און ביי איהם אַרויסגענומען 2 זל. באַלבערמאַן איז אויך געווען אַרעסטירט עטליכע חדשים צוליב א מסירה פון בערנשטיינען. זייט דאַן האָבען זיי נישט געלעבט בשלום און פּ.ע.גען זיך שטענדיג קריגען, ווען זיי פלעגען זיך נאָר צוזאַמענטרעפען.

אינ'ם לעצטען אָוועגר האָבען זיי זיך אנגעהויבען קריגען, האָט לייבצינגער באַלבערמאַנען אַרויסגעשטויסען אויף דער גאַס און בערנשטיין איז אוועק דורך דער הינטערשטער טיר.

אַרום 3 א זייגער ווערט ערקלערט א הפסקה, וועלכע דויערט ביז 5. אום דאַן הויבט זיך אָן דער ווייטערדיגער פערהער פון די עדות, וואָס דויערט ביז 8 אָוועגר. די אַלע עדות גיבען כמעט נישט צו קיין שום נייעס.

היינט וועלען רעדען דער פּראָקוראָר. די פערטיידיגער און ס'וועט אַרויסגעטראָגען ווערען דער אורטייל.

עלטערן!
אין מיין נאַכמיטאָג חדר-שולע הערע אָבענטלען
קינדער, וואָס לערנען אין פּאָווסעכנע שולען, וועט לערנען חומש, רש"י, תנ"ך, משניות, גמרא, תפסריט, רעדען און שרייבען העבּרעאיש און יודישע בריף זעלבסט צוזאַמענשטעלען. ס'וועלען אויך אָנגענומען אָנפאַנגער וואָס ס'וועלען איבערגעפיהרט ווערן אין 5 חדשים אויסגעלערנט גרונדליך דאַווענען. א שטרענג-רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פּרייזען.
איינשרייבען טעגליך 4 ביז 7 אָוועגד.
יחיאל דוד ראָזענפעלד
פּלאַץ וואָלנאָשטשי (נייע שטאָט) 6
קעהר אָפיצינע, רעכטס, 2. שט.

DR. MED.
A. URYSON
מינערליכע קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט.
נעמט אָן פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג.
Konstantynowska 20, telef. 35-85.

Dr. med. J. HERSZFINKIEL
ספּעציאַליסט פאַר קינדער-קראַנקהייטען
צוריקגעקומען
זאַוואַדזקאַ 15. טעלעפ. 111-87
נעמט אָן פון 9 — 10 פריה און פון 3 — 5 נאָכמ.

דריי סארטען געפעהרליכע מענער

די מיינונג פון א שריפטשטעלערין

עס זענען פעראן דריי סארטען געפעהרליכע מענער, פאר וועלכע פרויען דארפען זיך היטען, — זאגט אן ענגלישע שריפטשטעלערין אין איינעם פון איהרע ארטיקלען וועגען דער פראגע, — וועלכע מענער דארף מען גלויבען און וועלכע נישט?

צום ערשטען סארט — זאגט זי ווייטער — געהערען די, וועלכע בעקלאגען זיך פאר אייך, אויף זייערע פאמיליען־לעבענס. די, וואס דערצעהלען אייך, אזוי ערנסט, אז זייערע פרויען פערשטעהען זיי נישט, זיי מיט באנג אויף זייער הייראט און אז די היים האט פאר זיי קיין שום אינטערעס נישט; אמטירעקט זוכט אזא מאן אייער סימפאטיע; ער וויל אייך צו זיך צוציהען, אייך ארייננשלעפען אין א געהיימען ליבעס־פלאנטער, פון וועלכען איהר וועט שפעטער נישט קענען בעפרייען אן ליידען און שמערצען.

צום צווייטען סארט געהערען יענע, וועלכע האבען ליב צו מאכען קאמפלימענטען.

אזא מאן וועט אייך איינרעדען אז איהר זענט די שענסטע און קלוגסטע פרוי, וואס ער האט ווען געזעהען; אייערע אויגען זענען פול מיט פייער; אייער שמייכעל זיסער, וואס קען בעצויבערען יעדען מאן; איהר זענט א בעשיידענע, א קלוגע און א גוטע. צום סוף, פערזיכערט ער, פערזיכערענדיג אייך, אז ער מיינט אייך נישט צו מאכען קיין קאמפלימענטען, ווייל ער האלט נישט פון דעם... און ער מאכט אייך אפילו נישט קיין פארשלאג וועגען הייראט; זיינע ווערטער ווירקען שטארק אויף אייך, איבערהויפט די לעצטע. איהר גלויבט איהם, וואס ער זאגט, איהר ווערט פריינדליכער צו איהם פאר זיין אפענהארציגקייט... — ווייל זעהר ווייניג געפינט מען ביי מענער, וועלכע זאלען אזוי שעהנע רעדען צו א פרוי אדער מיידעל און דאס מאכט אויף איהר דעם געוואונשענעם איינדרוק. זי הויבט אן פאנטאזירען, ווי גליקליך זי וואלט זיין מיט איהם, און אזוי הויבען זיך אן איהרע צרות... בעת ער, קוים ער טרעפט א צווייטע, און ווערט א ביסעל מעהר אינטים מיט איהר, פערגעסט ער, וואס ער האט געזאגט געכטען צו אייך, און דערצעהלט שוין דער צווייטער דיזעלביגע געשיכטע.

אט אזעלכער איז בעצייכענט פאר איינעם פון דעם ערגסטען סארט. איצט קומט דער דריטער, און אפשר דער געפעהרליכסטער פון די ערשטע צוויי.

דער איז א מין ערנסטער און סענטימענטאלער מאן. ווען ער רעדט צו אייך, זענען זיינע ווערטער געצעהלטע, אבער פעסטע, ווי אייזער, וואס רעדט פון דערפאהרונג.

ער ווידער, דערצעהלט אייך, אז ער איז נישט קיין ליבהאבער פון פרויען, זיי אינטערעסירען איהם נישט; אלץ וואס ער זעהט אין זיי, איז אויסגעפוצטע ליאלקעס אדער קאקעטקעס, איבערהויפט האט ער פיינט די מאדערנע פרויען מיט די געשוירענע קעפ, אזוי ווי מענער, און די, וואס רויכערען סיגארעטען. א פרוי דארף זיין א פרוי, אבער נישט קיין האלבער מאנספערשוין.

אט מיט די ווערטער זאלט איהר וויסען, צילט ער צו אייך. און אזוי ווי ער זעהט, אז עס מאכט אויף אייך אן איינדרוק און איהר הויבט זיך אן פיהלען בעליידיגט, האט פערזיכערט ער אייך, אז איהר זענט אן אויסנאם פון אלע אנדערע און נישט אייך האט ער געמיינט. אדרבא, אייך פאסען נאר אט די אלע זאכען, וועלכע פאסען אנדערע נישט... אויף אייך האט ער קיין פאראיבעל נישט, וואלטען אלע זיין אזוי ווי איהר, וואלט זיין גאר אנדערש... איך פערשטאפט דאס גרויס פערגעניגען צו הערען אזא מיינונג פון א מאן, וואס האט נישט ליב קיין פרויען, און איהר הויבט אן פיהלען זיך שטאלץ און גרויס...

ער קלויבט אייך אויס פאר די איינציגע, מיט וועמען ער קען גוט פערברענגען. איהר גלויבט איהם יעדען ווארט, וואס ער זאגט אייך, ער קומט צו אייך, נעמט אייך אויס, קוקט אייך אין די אויגען אזוי ערנסט.

ער קומט ווידער אמאל צו אייך, איהר פערברענגט מיט איהם זעהר פיין. ביי אייך הויבט אן [illegible] הארץ, און איהר טראכט, אז ענדליך איז געקומען דער, וועלכער פערשטעהט און קאן אפשאצען אייער ווערט; איהר נעמט מאכען פלענער און פילייכט בויען א צוקונפט... אבער עס נעמט גארנישט לאנג, הויבט ער אן קומען זעלטענער, און אין א קורצער צייט ארום פערגעסט ער אין גאנצען אייער אדרעס...

אט דער האט ליב צו פערברענגען יעדע פאר מעג מיט אן אנדער פרוי.

[illegible] די שריפטשטעלערין האט ווירקליך רעכט, און עס איז פעראן א סך לאגיק אין איהרע ווערטער. זי גיט אויך צו שפעטער, אז זי האט זעהר פיל מיטגעמאכט איז דער הינזיכט און זי רעדט פון דערפאהרונג. דערפאר ווארענט זי אנדערע, ווי אזוי זיך אויסצוהיטען פון אזעלכע מענער.

—— 5/10 ——

ווי די פרויען אין סאוו.־רוסלאנד קליידען זיך

און ווי זיי קוקען אויף דער מאדע

אין „ג. י. טאג" גיט איבער בערטא לעלטשוק איהרע איינדרוקען פון רוסלאנד:

— אזוי געהט אנגעטון די פרוי אין סאוויעטען־פערבאנד?

ביי דער פרוי אין סאוויעטען־פערבאנד שפיל[illegible] די זאכען א קנאפע ראלע. דאס אנטון זיך איז פאר איהר גאר קיין פראבלעם נישט.

דו געהסט אין גאס אין אנדערע לענדער — אין ענגלאנד, פראנקרייך אדער אמעריקע — און דו בעגעגענסט א פרוי, איז דאס ערשטע וואס יהט־צו דיין אויפמערקזאמקייט איז איהר מאנטעל, איהר הוט, איהרע זיידענע זאקען, איהרע שיך. דערנאך ערשט דאס פנים.

אין סאוויעטען־פערבאנד אבער, ווען דו בעגעגענסט א פרוי, דערזעהסטו באלד איהר פנים, איהרע אויגען און איהר געזונטען אויסזעהען. די זאכען אויף איהר געהען דיר גארנישט אן. דו זעהסט זיי נישט און דו דארפסט זיי נישט זעהען. די רוסישע פרוי גיט נישט אוועק איהר ענערגיע, איהר כח פאר א פאר זיידענע זאקען אדער פאר א זיידען קליידעל.

ביי אונז ארבייט די פרוי שווער, כדי צו קויפען פאר זיך זיידענע וועש אדער א זיידען קליידעל.

די סאוויעטישע פרוי טראגט א פשוט לייוונטען קליידעל און א רויט טיכעל אויפ'ן קאפ. דאס איז איהר אנטוכעץ, און זי דארף נישט מעהר, נישט די קליידער און זיידענע זאקען זענען דאס נעהר, מיט וועלכען די פרוי נעמט דעם מאן.

נאך סאוויעטען־פערבאנד, אז דו קומסט אין אנדערע לענדער און אז דו זעהסט די גרויסע שויפענסטער פון די געשעפטען אויסגעשטעלט מיט זייערע קליידער און אנדערע לוקסוס־זאכען, קוקסטו מאדנע אויף די אלע זאכען. עס דאכט זיך דיר, אז די מענשען, וואס שטעהען ארום די געשעפטען, זענען ווי קליינע קינדער, וואס פארען זיך ארום זייערע צאצקעס. עס ווייזט זיך דיר אויס אלץ פאר איבעריג און נישט נויטיג. צו וואס פערשווענדען אזוי פיל ענערגיע און אפט זיך פערביטערען אפילו דאס לעבען? צוליב נאך א זיידען קליידעל? צוליב נאך א בלישטשענדיגען שטיינדעל? און אט די אלע מענשען, וואס לויפען פערטראגענע איבער די גאסען און שטעהען אפ שטונדען־לאנג אין די געשעפטען זעהען אויס לעכערליך.

אין קיין לאנד האב איך נישט געזעהען אזא מין אופן פון לייענען ווי אין סאוויעטען־פערבאנד. עס שטעהט א פרוי און פערקויפט אויפ'ן ראנד פון גאס פאפיראסען, האלט זי אין האנד א בוך און לייענט. און אזוי אויף אלע ראגען, אויף אלע גאסען. פערקויפען פרויען צייטונגען, שרייען זיי אויס די נאמען פון די צייטונגען: „לענינגראדסקאיא פראוודא!" „איזוועסטיא!" — און ערגיץ אנגעשפארט און א וואנט פון א געביידע, זוכען זיי מיט די אויגען אין די צייטונגען.

די פרוי אין סאוויעטען־פערבאנד ווייס וואס עס קומט פאר אין לאנד, זי דארף וויסען וועגען אלע נייע פראיעקטען און וועגען אלץ וואס עס קומט פאר אין לאנד.

אין „לוקסוס" פערגינט זי זיך די פרוי אין סאוויעטען־פערבאנד. דאס איז בלומען. אויף אלע ראגען פון די גאסען שטעהען בלומען־פערקויפערינס. קיינער קאן נישט פערבייגעהען די בלומען גלייכגילטיג. מען שטעלט זיך אפ און מען קויפט כאטש אפט פאר די לעצטע פאר גראשען.

איך דערמאהן זיך:

איך בין געגאנגען איבער די מאסקווער גאסען אין א רעגענדיגען טאג. עס האט געגאסען ווי פון עמערס. אבער אויף די ראגען אונטער'ן גאסרעגען, זענען געשטאנען די בלומען־פערקויפערינס ווי אין א זוניגען טאג און פערקויפט זייערע בלומען. און מענשען זענען געשטאנען ארום זיי און געקויפט בלומען.

די פרוי אין סאוויעטען־פערבאנד ווערט אלץ מעהר זעלבסטשטענדיג. עס עפענען זיך פאר איהר די טירען פון אלע אינסטיטוציעס, פאבריקען, געשעפטען. אפילו די פרויען וואס האבען קינדער קאנען געהען ארבייטען, ווייל די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, די „יאסלעס", ניבען איהר די מעגליכקייט. אין די „יאסלעס" היט מען אפ די קינדער א גאנצען טאג ביז די מוטער קומט צוריק פון דער ארבייט.

צוליב אט די נייע בעדינגונגען האבען זיך איבערגעביטען די בעציהונגען פון דער סאוויעטישער פרוי צום מאן און פון מאן צו דער פרוי. די סאוויעטישע פרוי איז מעהר נישט די פערשקלאפטע ווייב, נאר א גלייכער און פרייער מענש. דאס לעבען פון דער פרוי ווערט אין סאוויעטען־פערבאנד איז מעהר נישט אפהענגיג פון איהר מאן, און דאס צוזאמענלעבען פון מאן און פרוי איז דעריבער אן ערליכעס און שעהנערס.

אט דאס איז די פרוי און אזוי זעהט זי אויס אין סאוויעטען־פערבאנד.

Dr. med.
B. Robinzon
אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען
פעטריקאווער 10, טעל. 131-86
נעמט אן פון 8—9½ פריה און פון 3½—4½ נאכמ.

Dr. Z. Rakowski
[illegible]
סאנסטאנטינער 9. טעלעפאן 27-81
[illegible]
[illegible]

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אוגטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.
גאסטראלען פון די בעוואוסטע הויפט־ארטיסטען, גרינדער פון דער 1־טער ווילנער טרופע
בעלע בעלערינא, חיים שניאור
פרייטאג, דעם 17־טען, זונטאג, דעם 19־טען, 9 א זייגער אווענד
פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין לאדז! פרעמיערע!
דער גרעסטער שלאגער פון די אמעריקאנער טעאטערס
איהר לעצטער טאנץ
אין 3 אקטען מיט פראלאג מיט געזאנג און טענץ פון אורוואנצעוו.
די הויפט־ראלען שפילען בעלערינע און שניאור.
שבת, דעם 18־טען, ווערט נישט געשפילט.
מאנטאג, דעם 20 טען 9 אווענד גרויסע פאפולערע פארשטעלונג פון 1 ביז 2.50
די שטארק־אויסנעמענע פיעסע וועלכעס ווערט געשפילט מיט א גרויסען ערפאלג
איהר פערשפילט לעבען
פאמיליען־בילד אין 4 אקטען פון ז. ליבין.
הויפט־ראלען: „רבקה"—בעלערינא; „איזידאר"—שניאור.
ס'נעהמט אנטייל (לויט א.ב.) פרויען: בעזמאן, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, נייהויז, פאלאנסקי, ראקאוו.
אדמיניסטראטאר: ם. ארנוואלד. מוזיקאלישער לייטער: ל. זעלמאן.

Dr. med. **J. Lubicz**
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 183-17
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען.
פערקריכונגען פון די פלייצעס און גלידער.
איינענע פראצאזניע פון זעכטליכע ארטאפעדישע [illegible], [illegible] אויף פלאטפוס, [illegible]
[illegible] א. ז. ח. עמפאנגט פון 5—7 אוו.
צוריקגעקעהרט.

יורידישע עצות

אין דער רעגעלמעסיגער אפטיילונג גיט די רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטפערען אויף יורידישע פראגען, וועלכע ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן
יורידישע אפטיילונג
פון „נייעם פאלקסבלאט".
בלויז די וועלכע וועלען צושיקען אויף א יורידישע עצה דעם קופאן אויסגעשניטען פון דער צייטונג, וועלען ענטפערס בעקומען. דער [illegible] וועט ענטפערען [illegible], אויף שאלות [illegible] נישט בעענטפערט ווערען.

57. לאזאר ג.

דעם דאזיגע דראהט קודם־כל א שטראף פאר פערשווענדען דאס אנפערטרויטע איהם סעקוועסטרירטע פערמעגען.

א חוץ דעם קאן דער קרעדיטאר, לטובת וועמען די עקזעקוציע איז אונטערגענומען געווארען ארויסטרעטען מיט א געלד־תביעה געגען דאזיגע און מאהנען ביי איהם אן'ענטשפרעכענדע ענטשעדיגונג.

58. C. Sz.

איהר קאנט זיך אויסרעדען אין פערקויפס־אקט, אז חוץ דער פערקויפטער פאטעסיע טאר דער קויפער נישט פיהרען קיין אונטערנעהמונג פון א געוויסער בראנזשע.

אזא בעדינג איז אבער נישט גילטיג אייביג, נאר בלויז אין משך פון א בעשטימטער צייט.

איבריגענס איז דאס נישט צופאסען זיך צום דאזיגען בעדינג נישט מבטל דעם אייגענטליכען קויף אקט, נאר דער פערקויפער האט דאס רעכט אין אזא פאל צו פאדערן פון זיין קאנטרא־אגענט א געלד־ענטשעדיגונג.

59. B. L. C.

איהר דארפט זיך ווענדען צו דער היגער סטאראסטווא מיט א מאטיווירטע בקשה, אז מען זאל אייך ערלויבען זיך צו שטעלען פאר דער פאבאר־קאמיסיע אין נייעם וואוינארט.

קיין פעסטגעשטעלטער טערמין, ווי לאנג מען דארף וואוינען אויפ'ן נייעם ארט, בכדי מען זאל בעקומען די ערלויבניש זיך צו שטעלען פאר דער פאבאר־קאמיסיע איז נישט פארהאן.

60. B. R.

אן'אקט אינטערציזי וועט אין אזא פאל גאר נישט העלפען. וועגען צוזאמענשטעלען אזא אקט דארפט איהר זיך ווענדען צו א רעיענט.

אויף וויפיל אייער פירמע איז רעגיסטרירט אין האנדעלס געריכט, דארפט איהר אויך וועגען דעם געשלאסענעם אקט אינטערציזי אריינטראגען אין רעגיסטער א געהעריגע ארנאטאציע.

„רוסלאנד"

(ענדע פון 3־טער זייט).

זיך ארויס מיט איין מאל: ענינים פון פאמיליע מישען זיך צונויף מיט אינטערעסען פון לאנד און ארבייט. איך בין איצט איבערגעגאנגען פון פרעגען אויף ענטפערען:

— ארבייט?! — דאס איז אפהענגיג אן אייך, חברים. יעדערער וואס וויל ארבייטען — ארבייט.

און אזוי שטעה איך און בעצאהל יעדערען, וואס איהם קומט. דערצעהל זיי וועגען דער ארבייט, וועגען לעבען, וועגען דער בריטישער רעגירונג, וועגען איין פאמיליע, און א צווייטע, וועגען דעם און יענעם, וועגען דער ארבייטער־בעוועגונג אין לאנד בכלל, וועגען דער נישט איינהייט א. א. וו.

און פלוצלינג האב איך זיך אין עפעס דערמאנט, איך האב זיי אויף א מינוט געלאזען, און געלאפען אין דעם צווייטען הויז און געבראכט מיט זיך ארענזשען, זעמעל א. א. וו. צוטיילט עס אויף רעכטס אין אויף לינקס און ווידער א געלויף און ווידער רייד וועגען לאנד — און פאר מיר שטעהען אזעלכע גוטע, טייערע געסט, שיילען די ארענזשען און קייען מיט גרויס אפעטיט. און איך שטעה און ענטפער זיי אויף זייערע צעהנדליגער פראגען און דערצעהל זיי כסדר.

ווייזיל אזעלכע גליקליכע טעג האט א מענש אין זיינע געצעהלטע לעבענס־יאהרען?...

איינציגווייז און גרופענווייז צושיידען זיך די געסט פון דעם פארט־אפיצער און געהען אריבער אין דעם צווייטען הויז, וואו ס'איז איינגעארדענט געווארען פאר זיי צובייסען און טיי. זיי אטעמען זיך אפ, און געהען אין שטאדט אריין.

671 יודען זענען געקומען מיט דער היסטארישער שיף — די ערשטע נאך יאהרען פון צושיידונג מיט ארץ ישראל — און אין דעם רעגענדיגען טאג איז בעזאגט געווארען דער געגענזייטיגער „שלום".

(נהלל, קפא"י). **צ. ליבערמאן**

איז א קאבארעט פאר ארימע לייט

בילדער פון די יודישע נאכט־קלובען אין ניו־יארק

אזהער האט מיך געבראכט א יונגע בלאנדע פרוי מיט א ליב פנים און מיט אויגען, וואס האבען שוין אויסגעווײנט זייער בלויקייט. הארטע פאלדען האבען זיך אויסגעלייגט נעבען מויל און א מאדנע אומרוהיגקייט קוקט ארויס פון איהר, אנ׳אומרוהיגקייט פון א שווער אנגעזאמעלטען, פון געצווימטער נערוועזיטעט.

— לאמיר דערהרג׳ענען דעם אווענד אין דער ספערע פון לעבעדיג דערהרג׳עטע.

— אדרבה! — האב איך קורץ געענטפערט און מיר האבען זיך געלאזט אין א טונקעל בער לויכטען געסעל זוכען דעם נומער פון הויז, וואס זי האט געדענקט אויף אויסווענינג.

דער אווענד איז געווען א קיהלער און א מחיה׳דיגער, נאר ווען מען איז אריין אינ׳ם געסעל האט א שלאג געטון דער ריח פון קאליע הייזען. מיר האבען שוין געדאנקט גאט ווען מיר האבען געפונען דאס הויז. מיר זענען וואוילינגעריש צו צו דער טיר, א קלונג געטון. און פאלד בערהערט דאס פארען זיך ביים שלאס.

א פרוי מיט א ווייסען פארטוך אויף איהר קיילעכדיגען גוף האט פארזיכטיג און לאמעליך געעפענט די טיר, און ווען זי האט דערזעהען מ[illegible] בעגלייטערין, האט זי א פרעהליכע א זאג געטון: „קומט אריין“. מיר זענען אריין אין ערשטען צימער — א קיך. דער „אזיגער קאבארעט“ הויבט זיך אן מיט דער קיך, און מיט דעם, האכט זיך, ענדיגט ער זיך. א רגע געשטאנען דא, בעטראכט דאס ארימקייט און ענגשאפט, געוואלט מאכען א בעמערקונג, אז דאס איז שוין איננאנצען נישט עהנליך אויף א נאכט־קלוב, אבער מיין דאמע האט מיך נישט געלאזט רעדען: „בעקענט זיך, דאס איז פריינע, מיין חבר׳טע, און דאס איז א שרייבער האב נישט מורא, פריינע, אז איך ברענג איהם, דארפסטו נישט מורא האבען“. פריינע האט א שמייכעל געטון: „איך וואלט סיי־ווי נישט מורא געהאט. מען קען דעם פרייז דערקענען נאך די מאלעווקעס....“ און זי האט מיה אויסגעשטרעקט א מולליכע האנד, וואדים א דריק געטון און דערביי א פערוואורף געטון די געשווירענע שווארצע האר וואס זענען איהר געקראכען אין פנים אריין.

דער „אזיגער קאבארעט בעשטעהט פון דריי צימערען מיט א קיך און אלע „לופען“ זיי אין א שרענגע איינס נאכ׳ן אנדערען. מען שטעהט אין קיך און מען זעהט, וואס ס׳טוט זיך אינ׳ם לעצטען צימער. אבער דאס לעצטע צימער איז טונקעל. דארט איז דער באלעבאסטעס שלאפצימער, עס איז אפען אצינד, ווייל אין יענעם צימערל ליגט אויפ׳ן בעט אנגעווארפען די גארדעראבע פון די געסט.

דא זענען שוין נישטא קיין טוזיקאנטען און קיין זינגער. איהר קענט זינגען? מא זינגט. ווער לאזט אייך רעדען נישט? איהר הילט זיך שנעל טאנצען? טאנצט, מהיכא תיתא, ווערען ארט עס? אבער טאנצט נישט מיט אלע פיס, ווייל אונטען וואוינען מענשען, דאס דארפען בארגען אויפשטעהן צו דער ארבייט.

מיר זענען דורכגעלאפען דאס מיטעלסטע צימער, וואו עס איז געשטאנען א קיילעכדיגער היבשער טיש און ארום איהם עטליכע מענער און צוויי יונגע דאמען, אביסעל צופיל „צוגעפיקסט“. ווען מיר האבען זיך בעוויזען אויף דער שוועל, האט קיינער אנ׳אויג נישט אויפגעהויבען, גלייך עס וואלט אריין א היימיש קעצעל. מען האט געגעבען

יזאסט קארטען און א יונגערמאן האט אויפען קול פארטגעזעצט זיין שמועס.

. קליינע ענגע, נידעריגע, באר ריינע חדרים׳לעך. דאס אנדערע חדר׳ל איז דאס גרעסטע, און דאס דריטע וואוהין מיר זענען אריין — דאס קלענסטע. אין א ווינקעל נעבען פענסטער, וואס קוקט ארויס אין הויף אריין, בעהאנגען מיט וועש, האבען ביר זיך נעבען א קליין טישעל צוגעשפארט און געווארט אויף דער באלעבאסטע, וועלכע איז געבליבען אין קיך אויסצוטון דאס פארטוך. זי איז אריין אין א מינוט ארום מיט א טונקעל זיידען קלייד אהן ארבעל און געזוכען א בענקעל נעבען אונזער טישעל. די פארטיע מענער אינ׳ם אנדערען ווינקעל האבען אויך געשפילט אין קארטען. אויך געהאט נעבען זיך איין יונגע דאמע, א שעהנע ברונעטקע מיט שמייכלענדיגע ברענענדיגע אויגען און א ליב קיילעכדיג פנים. די ברונעטע דאמע האט זיך אין א ווייך, דין מענעריש קול געחיכעלט, געפרובט זיך פרעהליך מאכען און איז געווען די איינציגע, וואס האט זיך אומגעקוקט צו אונזער טישעל. די אנדערע, די מענער, זענען געבליבען מיט איינגעגראבענע אויגען אין די קארטען.

— אט איז א חתן! — האט די ברונעטקע א לאך געטון און אויף מיר א ווארף געטון איהרע פרעהליכע שווארצע אויגען — איהר זוכט אפשר א כלה? — האט זי מיך געפרעגט.

— אז עס זאל זיך מאכען א לייטישע — האב איך געענטפערט און דערביי א טראכט געטון, אז ווען די כלה זאל נאר זיין ווי זי אליין, די ברונעטקע, וואלט שוין געווען גוט.

— גוט! עס געהט א שוף מיט כלות. זי דארף אנקומען אט היינט. צי מארגען. וועט איהר זיך קענען אויסקלויבען. גיט מיר נאר אייער אדרעס.

דער עולם האט זיך צולאכט: עס האט זיך אויך דערהערט א געלעכטער פון דעם אנדערען חדר און דאס ווייבע איז נאך לעבעדיגער געווארען.

ווען די באלעבאסטע איז צוגעקומען, פערריכערט א סיגארעטעל און זיך בעקלאגט אויף שלעכטע געשעפטען, איז די ברונעטקע ווידער אריין מיט די אויגען צו איהר „פארטנער“ אין די קארטען.

— ס׳איז א שפיל־פלאץ, נישט קיין קאבארעט — האב איך שפעטער אין דער שטיל געזאגט מיין בלאנדער בעגלייטערין.

— ניין, — האט זי קורץ געענטפערט, — עס איז א קאבארעט אהן מוזיק. איהר ווילט א גלעזעל וויין?

די באלעבאסטע האט אויך געטרונקען מיט אונז; שפעטער האב איך איינגעלאדען די ברונעטקע און זי האט אויך מיט אונז געמאכט „לחיים“. און דא־א האב איך זיך בעקענט מיט כמעט אלע געסט. מיין בלאנדע האט מיך מיט די אויגען אנגעוויזען אויף א הויכגעוויקסיגען יונגען און געטקלײדעטען מאן: „אט דאס איז ער, דער פאטער פונ׳ם מיידעל. דאס מיידעל, א קינד נאך, קיין גאנצע פופצעהן נישט אלט געווען, איז דערהרג׳עט געווארען פליהענדיג מיט א מאשין. עס איז זיכער, אז איהר שטיפמוטער איז שולדיג געווען אין איהר יונגען טויט. זי פלעגט זי טרייבען פון שטוב. ווען מען האט זי אהיימגעבראכט א טויטע, האט די שטיפמוטער זיך אפילו נישט א קרים געטון. מען האט געזעהן, אז עס טוט איהר הנאה, וואס זי איז פטור געווארען פון א צרה. פון דעמאלט אן זיצט דער מאן נישט איין אין שטוב. קארטען און וויין, וויין און קארטען — דאס איז זיין לעבען“...

אין אונזער פלעשעל האט אנגעהויבען צו טאגען, אבער איך האב זיך נישט געוואלט ריהרען פון ארט. האב געפאליעט די סיגארעטלעך איינס נאכ׳ן אנדערען, נישט אראפגענומען דאס אויג פון דעם מאן מיט׳ן אויסגעבויגענעם רוקען און ווען איך האב זיך בעגעגענט מיט די פרעהליכע אויגען פון דער שעהנער ברונעטקע, האב איך איהר א וואונק געטון זי זאל ווידער צוקומען צו אונזער טישעל. זי האט געפאלגט.

— אט אזוי זיך. די היים איז א טורמע — האט די ברונעטקע געענטפערט אויף מיינער, כלומרשט א וויטיגער אנפראגע — דער מאן א פוי־לענצער און א שלים־מזל, און די קינדער? יעדער האט זיך שוין זיין „ארבייט“. א גאנצע וואך פערשלאפען אין הויז, זעה די ווייסע וועלט נישט אן, קומט שבת, איז עס מיין טאג. כאפ זיך אריין אהער. דא איז די לופט אנגעפילט מיט פערדריקטען וועהטאג. איטליכער דא האט זיך זיין פעקעל. מען ווערט דא צוזאמען אזען אין א חבר׳שאפט.

— העי, מיסטער, איהר ווילט מיר זאלען דא שטארבען פאר הונגער?

— דאס איז א פאבריקאנט פון קליידער — האט מיר איינגערוימט מיין בעגלייטערין.

— ווי קומט ער אהער?

מיין בלאנדע האט א ציה געטון מיט אנ׳אקסעל.

די באלעבאסטע האט רירעוודיג ווידער ארויפגעווארפען דאס ווייסע פארטוך און אנגעהויבען צו דערלאנגען צום ווינקעל־טיש אלערליי געשמאקע מאכלים און דערווייל האט מיר מיין בלאנדינקע געראט[illegible] א רעד צו טון מיט דער באלעבאסטע אליין [illegible] זי יעט זיך אפפארען פון דער ארבייט.

די באלעבאסטע האט געערדט ווייבעריש, מיט טרערען, ווי־נאר איך האב זי געפרעגט א ווארט. האט זיך איהר פנים אנגעצויגען מיט א ביטערען צער און זי האט גענומען זוכען איהר טיכעלע. דאס בלוט האט איהר געשלאגען אין די פולע, שעהנע באקען און איהר פולבליכער קערפער האט געציטערט.

— ס׳נישט קיין נייעס, בענארישט זיך און לייד. אט דאס אלעס, נו, איז דאס נייע? איז ווערט וועגען דעם צו רעדען?

דאס עסען און די משקה האט צוווארעמט דעם קליינעם עולם. די קארטען אפגערוימט און די שפילער צוווארפען ביי׳אנדערע טישען. איך קוק זיך אצינד צו צו די פנימ׳ער, אלע אזעלכע פערחושכ׳טע און ארימע; די הלבשה ווי ביי מענשען וואס איילען זיך צו דער ארבייט, ארער עפענען די קראמען. צוזיבערטע און נישט דערשלאפענע.

עמיצער פערציהט א ניגון און די אנדערע העלפען איהם ארויס. עס ווערט היימליכער. אבער מיין בלאנדע בעגלייטערין ווערט אומרוהיג, אויף איהר פנים פערציהט זיך א טרויעריגקייט. זי ווערט אנגעגעשרעקט אפנים דאס פרעהליכקייט הארמאנירט נישט מיט איהר...

— לאמיר געהען איך דארף שוין זיין אין דער היים.

איך האב געוואוסט, אז ס׳איז נישט אמת, אבער קוקענדיג אויף איהר, איז מיר אליין שוין אויך ענג געווארען אין דעם „קאבארעט“ פון די צעטראסענע, דערשלאגענע. די געצוואונגענע פרעה־ליכקייט האט שוין מיך אויך געשטיקט.

ב. י. ג־ן.

„ציבעלע־שטראהלען“

וואס דער יודישער געלערנטער האט ענטדעקט

מיט עטליכע יאהר צוריק האט דער יודישער געלערנטער אין רוסלאנד ד״ר א. גורעוויטש, ענטדעקט א נייעם מין שטראהלען, וואס פערשפרייטען זיך פון דיווארצלען פון יונגע ציבעלעס. ווען אט די שטראהלען פאלען אויף לעבעדיגע צעלען, וואס האלטען אין מעהרען זיך, ווערען די צעלען אונטער דער ווירקונג פון די שטראהלען סטימולירט און זיי מעהרען זיך מיט א בערייטערער גרעסערער שנעל־קייט, ווי פריהער; און דאס מיינט, אז דער בעטרע־פענדער ארגאניזם וואקסט שנעלער.

אין דעם ענגען קרייז פון דער וויסענשאפטלי־כער וועלט האט די ענטדעקונג פון ד״ר גורעוויטש אנגעמאכט א שטיקעל סענסאציע. מען האט זיי איראניש אנגערופען „ציבעלע שטראהלען“ און דאס רוב ביאלאגען האבען געצווייפעלט אין דער גאנצער מעשה.

אהער נישט לאנג צוריק האט ד״ר אנדרע נאוויל, א ביאלאג אין דער שווייץ, צוגעשטעלט א בעריכט צו דער וויסענשאפטליכער געזעלשאפט אין גענף, און אין דעם בעריכט דערצעהלט ער וועגען די רעזולטאטען פון זיינע עקספערימענטען.

ער בעריכטעט, אז ער האט גענומען א שטי־קעלע הויט פון דעם אויג פון א זשאבע און עס גע־האלטען אין א „קולטור“, ד. ה. אין א געמישטע כעמישען מאטעריאל. די צעלען פון דעם שטיקעלע הויט האבען פארטגעזעצט צו מעהרען זיך און וואק־סען ווי זיי וואלטען זיך אויפגעפיהרט אין דעם קער־פער פון דער לעבעדיגער זשאבע. דערנאך האט ער אויף אט די צעלען אנגעהויבען ווירקען מיט שטראה־לען, וואס פערשפרייטען זיך פון די ווארצלען פון יונגע ציבעלעס. צווישען די ווארצלען פון די צי־בעלעס און דעם שטיקעל הויט האט ער אוועקגע־שטעלט א פענסטערל פון קווארץ גלאז. די קווארץ־גלאז האט דורכגעלאזען די שטראהלען, זיי האבען אבער נישט דערלאזען וועלכע עס איז פיזישע אדער כעמישע ווירקונגען. דאס מיינט, אז אויב די ציבעלע־ווארצלען האבען געהאט וועלכע עס איז ווירקונגען אויף די צעלען פון שטיקעל הויט, איז די ווירקונג געווען נאר דורך שטראהלען, און נישט קיין אנדערע. דורך דעם פענסטערל פון קווארץ־גלאז זענען אלע אנדערע ווירקונגען בעזייטיגט גע־ווארען. דער רעזולטאט איז געווען, אז אונטער דער ווירקונג פון די שטראהלען, וואס די ציבעלע־ווארצ־לען האבען פון זיך פערשפרייט, האבען זיך די צעלען פון שטיקעל הויט געמעהרט מיט א דאפעל־טער שנעלקייט, ווי פריהער.

דורך דעם איז די טעאריע פון ד״ר גורעוויטש וועגען די ווירקונגען פון „ציבעלע שטראהלען“ בעשטעטיגט געווארען.

ל. ב.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 25, טעל. 126-87

ספעציעל ארצט פאר הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען. מענער־שוואכע. אלץ ארט אנאליזען, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען

נעמט אן פון 8־2 נ.מ. און פון 5־9 אוו.

ס׳געיעג נאך ז שאטען

(טענסאציאנעלער ראמאן) 18)

וואלדמאן האט פערוואונדערט אויפגעהויבען די ברעמען.

עס האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי ערשט איצט וואלט ער בעמערקט דעם רעוואלווער זיינעם אין ליפאווסקי׳ס הענד, וואס די ליופע זיינע איז געווען א פינגער צאל נאהענט צו זיין ברוסט.

— וואס... וואס בעדייט עס? — האט ער ארויסגעשעפטשעט מיט א ציטערדיגער שטימע — איהר זענט פון זי׳ן?..

ליפאווסקי האט א קנאק געטון מיט דער צונג און א טרייסעל געטון מיט׳ן קאפ.

— מאכט זיך נישט תמ׳צוואטע, פאניע וואלדמאן! איהר האט אייער שפיל פערשפילט. איך בין נאר געווען א גרויסער גאט, וואס איך האב עס פריהער נישט געזעהן. אבער פערשפע־טיגען האב איך נישט פערשפעטיגט! איך בין אייך געקומען דער׳הרג׳ענען. כ׳וועל זיך פריהער נישט ריהרען פון דאנען ביז וואנען איך וועל אייך נישט זעהן ליגען א טויטען. איינעם פון אונז וועט מען ארויסטראגען פון דאנען פארענט מיט די פיס, און דאס וועט זיין — איהר. אזוי איז עס, פאניע וואלדמאן! איך האף, איהר פער־שטעהט, אז איך מאך דא נישט קיין חוזק?

וואלדמאן האט זיך פאמעליך ארונטערגע־לאזט אויפ׳ן פאטעל.

— יא, איך פערשטעה! — האט ער גע־ענטפערט.

א ווײלע האבען זיך ביידע איינע די אנדע־רע אנגעקוקט גלייך אין די אויגען.

— אבער אויך אייך רעט איך, איהר זאלט פערשטעהן, — האט זיך וואלדמאן רוהיג אפגע־רופען — אז איהר דארפט זיך זעהר גלאסען אויפפיהרען אין דעם דאזיגען צימער. די קלענ־סטע, אומפארזיכטיגע בעוועגונג קאן אייך קאס־טען דאס לעבען. איך פערזיכער אייך אויך, אז איך מאך נישט קיין קאטאוועס.

— אזוי גאר? איהר זענט אויפריכטיג?

— צו וואס זאל איך זיך בעהאלטען? איך בין דערצו נישט געוואוינט... כ׳האב אויף אייך היינט געווארט.

— געווארט?

— זעלבסטפערשטענדליך! איך וויס גענוי אייער שמועס מיט׳ן יובילער טאנצמאן... פון די ערשטע ווערטער האב איך שוין פערשטאנען, אז מיין שפיל איז שוין נישט קיין רעטעניש — אין דער היגזיכט, וואס האט א שייכות מיט אייך, איך האב נישט גערעכענט, אז איך האב זיך ארויסגעגעבען, פאהרענדיג אין טראמוואי...

ליפאווסקי האט געקוקט אויף וואלדמאנען דורך האלב־פערזנערגעלאזטע ברעמען.

— איהר זענט א דרייסטער יונג, פאניע וואלדמאן; — האט ער פאמעליך א זאג געטון.

— ניין, הער ליפאווסקי, דאס איז נישט קיין דרייסטקייט, דאס איז פשוט די זיכערקייט אין די אייגענע קרעפטען! איך בעט אייך, בע־האלט דעם רעוואלווער און גייט אייך געזונטער־הייט א היים! פון הונדערט טויזענד שאנסען האט איהר קיין איינעם נישט מיך צו דער׳הרג׳ענען. איך וועל אייך דערקלעהרען נאך פראסטער: אין דעם דאזיגען צימער קאן מען מיר בכלל קיין בייז נישט טון. אין די דאזיגע פיער ווענד הי טען מיך א לייב־וועכטער פון אייגענער דער־פינדונג, און זיי וועלען מאמענטאל שטערען יע־דען פרוב פון א פערשווערונג געגען מיר.

מיט א דרך־ארב׳דיג בעוועגונג האט וואלד־מאן א רוק געטון די פאפירען אויפ׳ן טיש.

— איהר זעהט אט די זאך?.. דאס איז איי־נער פון מיינע לייב־היטער, ס׳איז א קאנטאקטא־מעטער... איך האב גענוי געוואוסט דעם מא־מענט, ווען איהר זענט ארויף אויף די טרעפען. איך האב געוואוסט, ווען אייער האנד האט בע־ריהרט די קליאמקע פון דער טיר, און ווען כ׳וואלט דאן געהאט חשק וואלט איך אייך אוועק־געלייגט א טויטען מיט דער הילף פון עלעקטרי־שען שטראם. איהר האט דאך ווראי בעמערקט, אז אין דרויסען איז די טיר געשמידט מיט א שטא־לענעם בלעך. א קליינער קוועטש פון אט א דעם קנעפעל — און איהר זענט אנ׳אפגעקאכטער... איך מיין, אז ס׳וועט א סך גלייכער זיין פאר אייך, איהר זאלט זיך אפזאגען פון אייערע פלענער, און... אוועקגיין אהיים כל זמן ס׳איז נאך נישט שפעט...

— האלט די הענד אויפ׳ן טיש, וואלדמאן, און ריהרט זיך נישט פון ארט.. איך בין אנ׳אל־טער היהגער פראפעסאר. און מיך איז נישט לייכט אפצונארען... אנ׳עלעקטרישע טיר — כ׳לאך פון אזעלכע זאכען!.. איך וואלט אייך אבער געוואלט שטעלען עטליכע פראגען. איהר קאנט ענטפערן, צי נישט ענטפערן — טוט, ווי אייך געפעלט — איך וועל אייך סיי־ווי דערשיסען, ווי א הונד, ווי נאר איך וועל זיך דערוויסען, וואס איך וויל זיך דערוויסען.

— דערלויבט מיר אייך צו דערקלעהרען נאך איין זאך — האט איהם וואלדמאן קאלטבלוטיג אי־בערגעשלאגען, נישט אכטענדיג אויף זיינע ווערטער — איהר האט בדעה צו ענטלויפען פונדאנען דורכ׳ן פענסטער... איך בין אייך אבער מתרה, אז אויך דאס פענסטער איז בעווארענט מיט מיינס אנ׳ער־פינדונג... ווי נאר איהר וועט זיך אנלעהנען אין דער פענסטער־ראהם, וועט זיך פון אויבען ארונטערלאזען א שווערער האקמעסער, א מין גיליאטי־נע, וואס וועט אייך צושניידען אויף דער העלפט, הער ליפאווסקי, און דערביי וועט עס געמאכט ווערען גאנץ פאמעליך... ס׳איז א מין הידראווליש־שע איינריכטונג: פריהער וועט עס אייך צודרי־קען, און דערנאך וועט דאס מעסער דארפען האבען א פינף מינוט צייט, כדי איבערצושניידען אייער קערפער... טע, א פאסקודנע טויט!...

— הלמאי פלאפלט איהר גלאט אין דער וועלט אריין? — האט ליפאווסקי בייז א פרעג געטון, און זיין פנים איז בלאס געווארען, און די ליפען האבען איהם אנגעהויבען צו ציטערען.

(פארטזעצונג קומט).

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג' קונדשאפט, אז מיין געשעפט איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון זעמטליכע

קאסמעטישע און פריזיער-ארטיקלען

צו די בילינסטע פרייזען.
קעלנישע און בלומען-וואסערן ווי אויך לאקיר צו נעגעל די בעסטע קוואליטעטען. מיט אכטונג

A. ROZENSON
.16 ZGIERSKA 16

באמערקונג: רעזיר-זייף-פראשעק "ORO„ צו 6 זל. א קילא. פ"ר פריזיערן און פריזיערס — ספעציעלער ראבאט.
3707

עפענטליכער ענטפער דער באלוטער חבורה,

וואס בענוצט זיך מיט אונזער נאמען „כנסת בחורים".

אין צוזאמענהאנג מיט דעם נעכטיגען ענטפער פון געוויסע יונגעלייט, אז זיי זענען בערעכטיגט זיך צו בענוצען מיט דעם נאמען פון אונזער פאקטיש עקזיסטירענדער חבורה „כנסת בחורים" ערקלערען מיר פייערליך פאר דער עפענטליכקייט, אז אלעס, וואס זיי ערקלערען איז שקר. אמת איז, אז מיר האבען דעלעגירט 3 פארשטעהער מיט א פולמאכט פון דער פערוואלטונג זונטאג, פ' מקץ, מיט דער פאדערונג פון זיי אבצורופען אונזער נאמען, אבער פאר עפעס 2 דעלעגאטען, וועלכע מיר האבען נישט געשיקט און זיי האבען טאקע נישט געהאט קיין פולמאכט צו רעדען אין אונזער נאמען, זענען מיר נישט פעראנטווארטליך. דייערע תירוצים, אז זיי האבען געזעהן אונזער לאקאל און עס האט זיך „זיי" אויסגעוויזען א „סיפיאלקע" ווארפען מיר אב מיט פעראכטונג.

מיר פאדערן קאטעגאריש און צום לעצטען מאל די דאזיגע חבורה תיכף ומיד אבצורופען דעם נאמען, אנדערש וועלען מיר מוזען דעם ענין ערלעדיגען אויף א רעכטליכען אופן. מיט דרך ארץ

די פערוואלטונג פון חבורה „כנסת בחורים" בלודז
3729

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאלאג-אקושער
זגערזשער 11.
טעל. 34-72
נעמט אן פון 6—8 אווענד

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-78
הויט און ווענעריישע קרענקהייטען און ליבעסשוואכקייט.
נעמט אן פון 4 — 7 אין אווענד

א נייער שווייצארישער לוקסוסאווע
פאטעפאן!
אין גוטען צושטאנד ביליג צו פערקויפען.
ווסכאדניא 16, ה. 9

א צימער
אין צענטרום שטאדט, זאפארט צו פערמיטען.
צו ערפאהרען
76 גדאנסקא 76
ביי טענענבוים. 3736

הײנט! מאוזאלעאום פון מערקווירדיגקייטען ערעפנונג אויף פיעטריקויער 30
: וואס ענטהאלט 1000 פערשידענע עקספאנאטען
וואונדער פון דער נאטור
פון א לעבעדיגען מענש — חיה
1 זל. אײנגאנג אין אלע אפטיילונגען 1 זל.
טעטיג פון 11 פריה ביז 10 א זייגער אין אווענד.

בקיף און עררקויף מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, ניי-מאשינען, גארדעראבען, סאמאווארען א.ז.וו. און צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן, נארוטאוויטשא 19
אין מעבעל-געוועלב
(פריוואט-וואוינונג: שענקיעוויטשא 29)
ביי מיר איז שטענדיג דא פערשידענע גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען

נייעס בלויז פאר יודען!
די לאנג-עקזיסטירענדע טליתים-פאבריק
עמפפעהלט צום פסח-סעזאן א גרויסען און רייכען אויסוואהל פון עכט וואלענע, האלב-וואלענע און זיידענע כשר פערקישע טליתים, ווי אויך טליתים קטנים.
הערט און דערציילט! ביליג און ריעל!
יחיאל מינסקי, לאדז, סאלנא 6.

השבת אבדה.

געהענדיג אויף נאוואמיעסקא-גאס, האב איך פערלוירען איבער 500 זל. כ'בעט דעם ערליכען פינדער אבצוגעבען געגען בעלוינונג. כ'בעט צו נעהמען אין אכט, דאס איך בין א פאטער פון 4 קינדער, כ'בעט רחמנות צו האבען אויף מיינע קליינע קינדער. ס'איז מיין גאנץ פערמעגען. אבצוגעבען אין אדמ. פון דער צייטונג. 3734

שוין ארויס פון דרוק דער יאנואר-נומער
פון דער לאדזער צייטשריפט פאר ווירטשאפטליכע, געזעלשאפטליכע און קולטורעלע פראגען
„אילוסטרירטער פוילישער מאנטשעסטער"
אונטער דער רעדאקציע פון אלי בארוכין.
מיט ארטיקלען פון: פראפ. ד"ר משה שאר, פראפ. ד"ר מ. באלאבאן, סטאראסטע אלעקס. רזשעחסקי, נאטשעלניק ע. ראסעט, פרעזעס אסקאר קאהן, וויצע-פרעזעס יוליוש לעווענשטיין, אדוו. א. ציממערמאן, קאנסול דיר. מ. קאהן, אדוו. ז. שטרויך, ד"ר ווילהעלם פאלעק, אלי בארוכין, ז. שפעט, א. העפנער, ק. ראסטוואראוסקי, י. זשורקאווסקי, אסקאר בערמאן, דיר. א. בירקענהיים, ד"ר א. אקערבערג, מאגיסטער ש. בוגין א. א.
דער נומער איז רייך אילוסטרירט און עסטעטיש ארויסגעגעבען. פרייז 75 גראשען.
צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

לעכער מאשינאווע
ווערען אנגענומען אויסצונייהען צו ביליגע פרייזען
ביי ג. נארדמאן
29 צעגעלניאנא 29

געגען בעלוינונג!
איך האב פערלוירען 3 פראטעסטען אויף 225 זל. און 1 וועקסעל אויף 92 זל. ארדרע נאלעוויעצקי, קאפערניקא 53 און אויך א פאס אויפ'ן נאמען איזאק גרינבערג, ווסכאדניא 45. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען אבצוגעבען געגען בעלוינונג צו א. גרינבערג ווסכאדניא 45.
3732

מה שהיה הוא שיהיה, ומה שנעשה הוא שנעשה!

זא זאלסטו וויסער קומען צו לויפען אין בעוו. רעכטסקאנסולענטען-ביורא צו ה'

מאנעלא, פיעטריקאווער 17

(זאכאדניא 52) טעל. 79-148

וואו עס ווערט ערלעדיגט און געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילע, קארנע, האנדלאווע, אפעלאציעס, אדוואקאניעס, קלאגזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, ווענען דירות אין אורושאנד ראזיעמטשי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.
מיט אכטונג
מ א נ ע ל א, רעכטסקאנסולענט
פעטריקאווער 17.

וויכטיג פאר מענער און פרויען!

פערשידענע דאקטארסקע ביכער צום ביליגסטען פרייז, ווי ווענען שוואנגערשאפט פרייז 40 גר., וועגען מענער שוואכע—50 גר., וועגען אנאניזם—30 גר., הויז-דאקטאר — 40 גר. און נאך אנדערע קריגט איהר נאר ביים צייטונגס פערקויפער

וועלבארזש, אלטשטאט 1.

אויך קריגט איהר צו קויפען ספרים. ביכער און אויך לידער און מאנאלאגען צום ביליגען פרייז, איך קויף אויך אלטע ביכער און גיב ביכער אהיים אויסצולייענען אויף חודש און אויף שטיק מיט ביליגען פרייז. געדענקט דעם אדרעס.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און דענטיסטישער קאבינעט.
בושעזשינער 11, טעלעפאן 37-63
אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר אימיך נאז, האלז, אויערן קר.	$4^1/_2$—$3^1/_2$
ד"ר קערשנער קינדער-קראנקה.	11-9 $4^1/_2$-3
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	2—12
ד"ר קוביטש הויט און געשלעכט-קר.	$1^1/_2$—$12^1/_2$
ד"ר שמירגעלד נערווען און גייסטיגע קר.	2—1
ד"ר גאלדבלאט אויגען-קראנקה.	$1^1/_2$—$12^1/_2$
ד"ר חיים כירורגישע קראנקהייטען	3—2
ד"ר שמערלאווסקי פרויען-און געבורטס-הילף	$4^1/_2$—$3^1/_2$

ספעציעל-קורסעס, שפראך-שטערונגען ווי שטאטלען א.א. ה. פאקען-שטעכען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראהל. אינהאלאציעס, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראציעס, אויך ערלעדיגען אנאליזען אין שטאט. אין לאבאראטאריום ווערען ארגאניזירט אלע ארט אנאליזען, אויך פלעגמע און בלוט
אימפפונגען געגען שקארלאטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר לאזשינסקי סטאמאטאלאג
צאהן-ארצט 10—1 3—6
קינסטליכע צייהן, קראנען, פלאמבען א. א. ה.

די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאג

צוויי צימערן מיט א בעזונדערן — איינגאנג — (מעגליך גלייך פון די טרעפען) אלס סוב-לאקאטאר ווערט זאפארט געזוכט. אפערטן אונטער "H„

צאהן-ארצט
St. Gelberg
וואוינט יעצט
Zawadzka 14, tel. 108-33
נעהמט אן פון 10—2 און פון 4—7.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47, tel. 26-02
צוריקגעקעהרט
אינערליכע קראנקהייטען.
ספעציעל פאר לונגען- און הארץ-קראנקהייטען.
בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון.
נעמט אן און דער היים פון 3—5 נאכמיטאג.

שייטלעך
צו מעסיגע פרייזען צו בעקומען ביי
פארזשוצקא, קאטיענגא 5

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
J. [illegible]
חיזוק 3 ז.

Dr. med.
J. Sadokierski
סטאמאטאלאג
ספעציאל-ארצט פאר מויל- און קיפער-כירורגיע
צאהנפלייש-קראנקהייטען
רענטגען-דיאגנאסטיק. נעהמט אן פון 3—7.
פיעטריקאווער 164, טעל. 27-83

Dr. med. H. KRAUSKOPF
אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
צעגעלניאנא 45, טעל. 113-47
נעמט אן פון 4 ביז 7 אין אווענד.

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט
זגיערסקא 17 טעל. 33-16.

ד"ר ראקאווסקי נאז האלז, אויערן קר.	10—11 2—3, 6—7
ד"ר רוזשאנער הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד"ר גאלדשטיין- אויגען-קראנקהייטען פאלאק	1—2, 7—8
ד"ר יוסטמאן נערווען קראנקהייטען	12—2 חוץ זונ.
ד"ר ראזענצווייג קינדער-קראנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פאפיערני פרויען און געבורטס-הילף	$11^1/_2$-1 5-6
ד"ר קאנטאר כירורגישע-קראנק.	$4^1/_2$-$5^1/_2$ זונ. 1—2
ד"ר ווייינבערג אינ. הארץ לונגען	12—1, $6^1/_2$—$7^1/_2$
ד"ר סטופעל רענטגען	12—2, 4—6
א. גראיענטשיק צאהן-ארצט	3—7
נ. ראזעס צאהן-ארצט	8—2

צאהן-פלאמבירונג, בעלייכטונגען, קראנען, מאסטען א.א.ה.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען
א רענטגען-אינסטיטוט
היילונג פון הויט קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראהלען, פאר בעשטראהלונג און דורכלייכטונגען, קווארץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, אלע מעדיצינישע אנאליזען. א קורס פאר שטאמלער.
אימפפונגען געגען שארלאך (שקארלאטין) פון 4—5 נאכם.
די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג
וויזיט אין דער שטאט.
ערצט.-קאסמעטיש. קאבינעט
פרל. מארקוס נעהמט אן פון 5—7 אווענד

ענדליך
האבען זיך אלע איבערצייגט און דיפלאמירטע
פעלד-בעטען

PALMA-PATENT וועלכע זענען פערזעהען מיט דער שוץ-מארקע
זענען די פראקטישסטע און דויערהאפטסטע
מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר, עמפפעהלען מיר אויף לאגער.
אויסערדעם בעזיצען מיר אין א גרויסען אויסוואהל
ניקעל-בעטען, ניקעל-קינדער-בעטלעך, טיש-בעטען, אמעריקאנקעס, קינדער-וועגעלעך. קינדער-בענקלעך אויף רעדלעך. מעטער-מאס.
מאטראצען, גורטען, שעזלאנגען און קאנאדיקעס קאזעטקעס און טאפטשאנעס
באמערקונג: בעטלעך מיט וועגעלעך ווייס אין ברוין 17 זל., פאלאזש-בעטלעך 14 זל.
רעעלע בעהאנדלונג, -- פאבריק-פרייזען, -- ווענטליכע ראטע.
הורט לאדז, פולנאצנא 24, טעל. 85-31 דעטייל

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ — 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט א שפאלטען אין טעקסט—40 . . . 60— . . . 4 . ;נעבן טעקסט—12 . . . 18— . . . 8 . פאר א מילימעטער-שורה: שמאלע דער טעקסט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 160 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.